STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06364

LITE MAYN HEYMLAND

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

ליטע מײַן היימלאַנד

אַרויסגעגעבן פון
נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט
מאָנטרעאַל, 1945

Copyright by

N. J. GOTLIB,

Montreal, Canada, 1945

געהייליקט דעם אַנדענק פון מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, אומ־געקומענע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:

מיין מאַמע מנוחה יענטע,

מיין שוועסטער יוכבד ראַשל, מיט איר מאַן און טאָכטער,

מיין ברודער משה יוסף, מיט זיין פרוי און קינדער,

מיין ברודער אברהם ברוך, מיט זיין פרוי און קינדער,

מיין ברודער יעקב,

מיין ברודער אייזיק

I

קאָוונע

מיט שטילע טייכן שפּרייטסטו זיך באַרינגלט,
מיט בערג מיט גרינע שטרעקסטו זיך באַקראַנצט.
אין פריער יוגנט, אַ פאַרטרוימטער יינגל,
האָט שוין דיין שיינקייט אין מיין אויג געגלאַנצט.

דער שטייניק־הויכער נאַבערעזש ביים ניעמאַן,
דער גאַי דער ברייטער ביים וויליע־טייך
באַגליקט מיך האָבן מיטן דראַנג פון שטראָמען
מיט שפּיל פון וועלן האָבן מיך באַרייכט.

דער שלאָס דער אַלטער — טונקעלע רוינען,
מיט וואונדער־מעשיות ליכטיקע באַהעלט, —
ער האָט מיט נייגיר אָנגעשפּאַנט מיין זינען,
ער האָט מיט חידוש אָנגעפילט מיין זעל.

אויף וואַסילעווקע די פּאַרקלערטע ביימער
אַ סוד אַ בלויען האָבן מיר פאַרטרויט:
עס האָט דאָ מאַפּו, דער סלאָבאָדקער טרוימער,
זיין „אהבת ציון” זוניק אויסגעטרוימט.

עס האָט מיך אַלטשטאָט מיט איר רעש געפאַנגען,
מיט שמאָלע געסלאַך, האַוועדיק צעיאָגט,
מיט אַלטע שולן, פול מיט פרומע קלאַנגען,
מיט גרייזע קלויסטערס, תפילהדיק צעגלאָקט.

עס האָט דער פישמאַרק אָפּט געזען מיך שפּאַנען,
מיט אויג און אויער אָנגעשפּיצט און וואַך
צו זיינע הענדלער אין די באַלאַגאַנעס,
צו זייער רויער פישערישער שפּראַך.

אין אָוונט־שעהן בין איך אָפּט געזעסן
ביי דער טשוגונקע, אויפן פּלאַץ־פּאַראַד;
דאָ האָבן שטערן אויסגעזען גרעסער
און די לבנה — מערער גאָלד געהאַט...

פאַרבלאָנקען פלעג איך אין אַ טאָג אַ פרייען
אויף רייכע גאַסן פון דעם נייעם פּלאַן;
דאָ האָבן וועלטן אויפגעהילט זיך נייע
פאַר בליק פאַר מיינעם אויף איעדן שפּאַן.

געשעפטן גרויסע, מויערן — פילשטאָקיק;
אַלייען לאַנגע, פאַרקן — פריש צעגרינט;
צעבליצטע קינאָס, קאַבאַרעען — לאָקיק;
פאַרפוצטע הערן, דאַמען — בויגיק־דין.

געשלונגען האָב איך אַלץ דאָ מיט די אויגן,
נאָר קאַלט געבליבן בין איך דאָ צו אַלץ.
אַ פרעמדע סביבה... און סע האָט געצויגן
צוריק אין אַלטשטאָט — צו מיין אייגן קוואַל.

מיין קוואַל מיין אייגן — צניעותדיקער דלות,
מיין היים מיין ענגע אויף דער יאַטקע־גאַס;
די מאָנטיקס, מיטוואָכס, — מאָגער, איינגעפאַלן,
דער שבת אָבער — אַ מאַגנאַט אַ גאַסט.

איעדער קאַמער — שבתדיק צעתענוגט,
איעדער ווינקל — שבתדיק באַרוט;
דער מאַמעס אויגן, ווי די בענטשליכט, שיינען;
דעם טאַטנס בליקן זאָגן: עס איז גוט.

און אַלטשטאַט שטיל איז. שבתדיק באַווייעט —
די פוסטע געסלאַך, דער פאַרשטומטער מאַרק;
און הייזער, ־קראָמען זעען, ווי מיר גייען
אין חסידים־שטיבל, אויפן גרינעם באַרג.

די חסידים־שטיבל און דער באַרג דער גרינער,
פון קינדהייט מיינער העלע עדות צוויי.
איך האָב אין שטיבל אָפט געהאָלפן שפּינען
ניגונים שיינע, לידער אַלערליי.

און טענץ אַזויפיל אויסגעטאַנצט דאָ האָב איך
אין טעג פון שמחה, קדושהדיק צעשטראַלט,
מיט חסידים דאַרע און מיט חסידים גראָבע,
מיט חסידים יונגע און מיט חסידים — אַלט.

אויף באַרג אויף גרינעם, אויף זיין קאָפּ זיין הויכן,
מיט חדר־יינגלאַך האָב איך אָפט פאַרבראַכט;
געמאָסטן זיך דאָ מיט די יונגע כוחות,
דערציילט זיך מעשיות — טויזנט און איין נאַכט.

(פון שדים, מתים און פון מכשפות;
פון דעם גר־צדק און פון נאַפּאָליאָן;
פון גוטע יידן — גרויסע בעלי־מופת;
פון יאַנקל מוליער מיט דער רויטער פאָן).

און מילדע יאָרן האָבן זיך געצויגן,
מיט רו באַשאָנקען און מיט פריד געבענטשט;
באַזונט מיט ליבע, דורכגעבלויט מיט גלויבן
אין גאָט אין הימל, אויף דער ערד אין מענטש.

נאָר אָנגעשוווּמען איז אַ צייט אַ שווערע,
אַ צייט פון שנאה — חלפדיק צעשאַרפט;
אַ צייט פון בלינדער, פינצטערער צעשטערונג;
אַ צייט פון חיה אינעם מענטשנס האַרץ.

דער ערשטער וועלט־קריג. אין זיין יאָר זיין ערשטן
געוואָרן, היימשטאָט, ביסטו יידן־ריין.
אַזוי באַפוילן האָט אַ בייזער הערשער,
אַ יידן־האַסער — גיפטיק און געמיין.

איך האָב — אַ יינגל — טרערן דאָן פאַרגאָסן
מיט יידן אַלע אויף דיין טיפן בראָך;
מיט וואָגלער אַלע האָב געפלוכט דעם רשע;
געהאָפט מיט אַלע — אויפלעבן וועסט נאָך.

און ס'איז די האָפנונגווירקלאַכקייט געוואָרן:
נאָך טויט און חורבן, גרויל און כּף־הקל
געקומען זענען פונדערווייט צופאָרן
די גולים דיינע — יידן יונג און אַלט.

און איך — אויך איך בין דאָן צוריקגעקומען,
אין יאָרן עלטער, מיט נסיונות רייך;
אַ יונגער דיכטער, שוימיק, ווי דער ניעמאַן,
מיט קלאַנגען קוואַליק, ווי ווילי־טייך.

און גרינגע צייטן האָבן זיך צעצוויטעט,
ווי טוי צעקלאָרטע, צאַרט, ווי סיוון־ווינט;
דו האָסט, מיין היימשטאָט, פרילינגדיק געבליט דאַן,
מיט דיר צוזאַמען — איך, דיין טרוימער־קינד.

די יאָרן יענע, ברויזנדע מיט שירה,
די נעכט די וואַכע איבער שאַפונג־סוד,
די אָפטע, לאַנגע, מונטערע שפּאַצירן
אין מאַרעוויאַנקע און אין אַלעקסאָט,

אויף שטילע הייכן, צווישן גראָז און ביימער,
אין רייד אינטימע וועגן וואָרט און ליד,
מיט פּען־חברים — גאָלדבלאַט, קאַפּלאַן, היימאַן, —
קאָלעגן ליבע, נאָנטע אין געמיט.

איך האָב, מיין היימשטאָט, היים דיך דאַן באַזונגען
אין מיין פּאָעמע „אין דער אַלטער היים";
גערימט דיין עבר און דיין פּראַכט באַוווּנדערט,
געמאָלדן אָבער אויך פון דיין געוויין.

פון נויט און הונגער אין די קעלער־חורבות,
פון בעט פון הארטער און פון פייכטער וואַנט;
פון פּעק מיט אומגליק, באַרגיק אָנגעהורבעט
אויף קאָפּ און פּלייצעס פון דעם אָרעמאַן.

נאָר טייער ביסטו מיר געבליבן סיווי,
מיט דיינע שאָטנס, פּונקט ווי מיט דיין ליכט:
דו ווערסט אין צוקונפט יושרדיקער שיינען,
האָב איך געהאָפט דאַן, — זיך אויף דעם געריכט.

און ווען אַן אומרו האָט מיך אָפּגעקייטלט
פון באָדן דיינעם און פאַרפירט אַהער,
האָט אין מיין זינען דיין געשטאַלט באַגלייט מיך,
איז מיטגעפאָרן אין מיין האַרץ דיין ערד.

און האָסט געגלעט מיך אָפּט דאָ אין מיין וואָגל,
און האָסט מיין טרויער אָפּט אַרויסגעקושט;
מיט ווייך מיט שטאַרקן פול מיך אָנגעלאָגלט
מיט בריוו מיט יעדן, מיט איעדן גרוס

פון היים פון פרומער, מאַמע, שוועסטער, ברידער,
פון גאַסן, פלעצער איבער גאָר דיין גרויס,
פון הייכן דיינע און פון דיינע נידערס,
פון גאָר דיין לעבן, פרילינגדיק צעברויזט.

נאָך קורץ געוועזן, היימשטאָט, איז דיין פרילינג:
אַ צווייטער וועלט־קריג האָט דיך איינגעקלעמט
און ווערגט דיך, מאַטערט, פייניקט דיך און טיליקט,
און שווענקט אין בלוט דיך און אין פייער ברענט.

און ריין געוואָרן ביסט אויפסנייַ פון יידן:
אַזוי געוואָלט האָט אונזער בייזסטער פיינט —
אַ חיה רעה, קאָנטעט און צופרידן
פון אונזער אומגליק און פון אונזער פיין.

און גרויס מיין בראָך איז, און מיין צער גרויס איז,
און ס׳ציטערט האַרץ מיינס, רייסט זיך פון מיין ברוסט
צו דיר, מיין היימשטאָט, איינגעקרעפּט אין חושך,
צו בלוטיק נאָנטע אונטער שונא׳ס פוס.

ווּ זענט איר איצטער, טײַערע, געטרײַע?
ווּ זענט איר איצטער, אײגן פֿלײש און בײן?
צי האָט געשווּנט אײך דאָס פֿאַרניכטונג־פֿײַער?
צי איז געבליבן גאַנץ אײַער געבײן?

און איר ווּ זענט איצט, פֿעןֿ־חברים מײַנע?
צי איז אַנטרונען ווּ פֿון אײַך אַ בליק?
און ייִדן אַלע, הײמשטאָט, בירגער דײַנע,
פֿון קאַרמעליטע ביז ווילִיע־בריק;

פֿון באַרג פֿון גרינעם ביז דער בריק פֿון ניעמאַן,
אין יעדן ווינקל פֿון דײַן לענג און ברײט, —
ווי לעבן איצטער אין דעם שונא'ס קלעמען,
אָן ברויט אַ ביסן, אָן אַ שוך, אַ קלײד?

ווי לעבן איצטער אין סלאָבאָדקער געטאָ,
ווי הינט פֿון היצל, פֿון דעם פֿײַנט געיאָגט? — — —
אָ, זאָלן זײ כאָטש זײער נפֿש רעטן,
דערלעבן אַלע יענעם גרויסן טאָג,

ווען וועסט, מײַן הײמשטאָט, זיך פֿון שטויב דערהױבן,
ווען וועסט, מײַן הײמשטאָט, ווערן אויפֿגעריכט
און אויפֿגײן ווידער וועט אין דײַנע שויבן
פֿון רו און פֿרײדן דאָס געבענטשטע ליכט!

1943

סלאָבאָדקע

נתן גרינבלאַט

אויף זאַמד אויף געלן, ביי ווילִיע בלויער,
אַ געטאָדיקע ליגסטו אויסגעשפּרייט.
פון ווייטער קינדהייט ווײנט אין מיר דיין טרויער,
פון ווייטער קינדהייט זינגט אין מיר דיין פרייד.

דער טרויער דיינער — אָרימאַנסקער לעבן,
דיין פרייד — פון לערנער דער צערוישטער כאָר, —
זיי האָבן ביידע חלום צוגעגעבן
צו פרומער מיינער קינדערישער וואָר.

אַ חדר־ייִנגל, פלעג איך אָפט פון חדר
אַליין פאַרבלאָנקען אויף ווילִיעס ראַנד,
אַריבערבליקן צו דער זייט דער צווייטער,
וווּ דו, סלאָבאָדקע, שטרעקסט זיך אויפן זאַמד,

מיט קרומע געסלאַך, הויקערדיקע שטיבער,
מיט רעשטלאַך פון אַן אָפּגעברענטער שול
און מיט אַ גרויסער, רוישיקער ישיבה,
מיט יונגע לערנער, ווי אַ מילגרוים פול.

פאַרחלומט פלעג איך שטיין און בליקן לאַנג דאָ,
און דאָרשטיק שעפּן פלעגט דאָ מיין געהער
פון דער ישיבה די צעשאַלטע קלאַנגען,
וואָס איבער וואַסער טראָגן זיך אַהער.

און איינמאָל, זומער, אין אַ טאָג אַ העלן,
אַריבער בין איך די ווילִיע־בריק
און אויף די זאַמדן דיינע גאָלדיק־געלע
דערזען עס האָט דיך נאָנט אַזוי מיין בליק

אָט זענען דיינע געסלאַך די פאַרגרויטע,
די דלות־הייזער אויף די קרומע פיס;
אָט איז דער נשאר פון דיין שול דער טויטער
און אָט, סלאָבאָדקע, דיין ישיבה איז.

באַבליקט איך האָב דאַן לאַנג איעדן געסל,
איעדן שטיבל האָב איך לאַנג באַטראַכט;
און לעם ישיבה לאַנג איך בין געזעסן,
מיט אויער מיינעם — אָנגעשפּיצט און וואַך:

דורך פענצטער — אָפן — טראָגן זיך געזאַנגען
און — רינען, פליסן אין מיין קינדיש בלוט. —
און ס׳איז געווען אומעטיק און באַנג מיר,
און ס׳איז געווען מיר פריידיקדיק און גוט.

פון דאַן איך פלעג שוין עפטער צו דיר קומען
(אין זומער־היצן און אין ווינטער־שניי),
און אין מיין זעלע — איינזאַפּן דיין אומעט,
און אין מיין הארצן — איינקריצן דיין פרייד.

ביז דיין ישיבה האָט איר טיר צעעפנט
פאַר מיר — אַ תלמיד, אַלט אינגאַנצן צען.
און יעדן מאָרגן פלעגסטו מיך שוין טרעפן,
און יעדן מאָרגן פלעגסטו מיך שוין זען:

איך אייל — אַ ווינטל — צום ישיבה־בנין,
איך אייל אַהינצו מיט אַ מתמיד־פלאַם, —
אַ טאָג אַ גאַנצן דאָרטן אומצושווימען
אין ברייט צעשפּרייטן, טיפן תלמוד־ים.

אָ, יענע שעהן, צווישן לערנער־עולם, —
אין מיין זכרון כ׳זע זיי אַזוי פריש!
אַ טאָג אַ גאַנצן הילכן יונגע קולות,
אַ טאָג אַ גאַנצן בלאַט נאָך בלאַט זיך מישט.

און נאָכדעם קומט אָן אַ פאַרנאַכט אַ שטילער,
פילט אָן מיט תפילה יעדערנס געמיט.
עס נעמט דער עולם הארציק זיך צום תהילים.
— לדוד מזמור — עמעצער פאַרציט.

— לדוד מזמור — זאָגן נאָך אים אַלע
מיט מוסרדיקן, עצבותדיקן טאָן. —
אין מערב לעשט זיך לעצטער ראָזער שטראַל אוים,
אַ בלויער אָוונט שוועבט פון ערגעץ אָן.

אַזוי געגאַנגען זענען דאַן די יאָרן,
אין תורה־לערנען, תהילימדיק געבעט. —
ביז ערשטער וועלט־קריג האָט זיך רויט צעצאָרנט,
און ביקסן האָבן בלוטיק זיך צערעדט.

און ריין געוואָרן קאָוונע איז פון יידן,
און דו, סלאָבאָדקע, ביסט געוואָרן ריין — — — —
און וויט פון היימשטאָט, ווו מ׳האָט אונז פאַרטריבן,
פלעגט צו מיין אויער דיין געוויין דערגיין:

פארלאָזן ליגסטו אויף די זאַמדן גע‏לע,
מיט געסלאַך פוסטע, שטיבער — פינצטער־שטום,
און בענקסט נאָך צייטן פריערדיקע, העלע,
נאָך לערנער־קולות — מוסרדיק און פרום. —

האָב איך געהערט דיך, דיין געוויין פארנומען
און — האָב געטרייסט זיך, און אויך דיך געטרייסט:
איך וועל, סלאָבאָדקע, ווידער צו דיר קומען,
אין דיין ישיבה ווידער לערנען היים.

און אַט, נאָך שטרענגע, שטורעמדיקע יאָרן,
נאָך טויט און חורבן אין איעדן קאַנט,
געקומען בין איך פונדערוויט צופאָרן
אַהיים, קיין ליטע, אין דעם שטילן לאַנד.

און — האָב דערזען דיך אויף די זאַמדן ווידער:
דו ליגסט, סלאָבאָדקע, פרידלאַך, ווי אַמאָל;
און געסלאַך דיינע — פול באַניים מיט יידן,
און ווידער שאַלט דאָ דיין ישיבה־קול.

נאָר איך בין איצטער אַנדערש שוין געוועזן.
אַ נייער חלום האָט מיין זעל באַהערשט.
מיט צאַרטע לידער פול ז׳געוועזן מיין וועזן.
און דינע טענער האָב איך אָפּט געהערט.

און שוין ניט לערנען אין ישיבה מערער
איך בין געקומען אויף דיין געלן זאַמד —
געקומען בין איך זען אַ שרייבער־לערער,
וואָס וווינט ביי דיר דאָ ביים ווויליע־ראַנד:

מיין ליד אים וויזן און אַ מיינונג הערן,
צי כ׳בין שוין דיכטער, צי נאָך עפּעס פעלט. —
דער שרייבער־לערער האָט געלייענט גערן
און — האָט געלויבט מיך: ליד מיינס אים געפעלט.

און האָט התקרבות מיר ארויסגעוויזן,
אין שרייבער־סביבה מיך אריינגעבראַכט;
און האָט געלערנט מיט זיין וואָרט און וויסן,
און פאַר אַ שרייבער פון דאַן אָן געמאַכט.

און איצט איך פלעג שוין עפטער צו אים קומען,
פאַרבראַכט, סלאָבאָדקע, אויפדאָסניי ביי דיר.
נאָר אַנדערש איצטער האָב געשפּירט דיין אומעט,
נאָר אַנדערש איצטער האָב דיין פרייד געשפּירט.

כ׳האָב איצט געזען דיך מיט אַ בליק אַ נייעם,
און מער אַצינדער האָב דיך שוין געקענט:
ניט בלויז פון תלמוד דער צעהעלטער פייער
עס האָט ביי דיר דאָ יאָרנלאַנג געברענט.

ניט בלויז פון גרויען, עצבותדיקן מוסר
האָסטו דורך דורות דאָ געבאָוועט פרוכט. —
דו האָסט, סלאָבאָדקע, — האָב איך איצט געוווסט שוין,
אויך פון השכלה גאַנץ געשמאַק פאַרזוכט.

און אָפט פאַרבייגיין פלעג איך דאָ אַ שטיבל,
אַ הויקערדיקע, שימלדיק באַגרינט.
און — בלייבן שטיין דאָ; בליקן לאַנג מיט ליבע:
געלעבט עס האָט דאָ דיינס אַ „וואונדערקינד״:

אַברהם מאַפּו. זיין „אהבת ציון"
איז איצטער מיר שוין זייער גוט באַקאַנט.
אַ וווּנדער־דיכטער, וואָס ביי דער ווילִיע
געזונגען האָט ער פון דעם ירדן־לאַנד.

אַ וווּנדער־טרוימער, וואָס ביים ברעג פון ניעמאַן
געמאָלן האָט ער בילדער פון תנ"ך. —
דו מעגסט, סלאָבאָדקע, זיך מיט אים ניט שעמען —
ווי ער אַזעלכע, איז ניטאָ קיין סך...

און כ'האָב געזען אים אָפט דאָ אין מיין דמיון:
אין געסלאַך דיינע, גלותדיק פאַרשפּינט,
אַ שטילער, צאַרטער, שפּאַנט ער אום פאַרדמיונט, —
ווי איך אַצינדער — יאָרנלאַנג נאָך אים...

אַזוי די יאָרן זענען דאַן געגאַנגען
(אין יונגן וואַקסן, חלום און געדיכט). —
ביז ווייטע וועלטן האָבן מיך געפאַנגען
און פון דאַן אָנעט האַלטן מיך ביי זיך — —

נאָר דורך די אַלע יאָרן אינדערפרעמד דאָ
געווען, סלאָבאָדקע, איז מיין האַרץ מיט דיר,
און פונדערווייטן האָב איך אָפט געזען דיך,
און פונדערווייטן האָב דיך אָפט געשפּירט.

און ס'איז מיין זיין דאָ מיר געוועזן לייכטער:
פאַראַן נאָך באָדן, וווּ מיין וואָרצל שטעקט,
פאַראַן נאָך ערדן פרוכפּערדיקע, פייכטע,
מיט פּירות מיינע שפּעדיק באַדעקט.

פאַראַן אַ היים נאָך, דורותדיק פאַרפֿעסטיקט,
וואָס שלאָגט מיט לעבן און מיט שאַפֿן קוועלט;
פאַראַן אַ ליכט נאָך אין אָט יענע געסלאַך,
וואָס פונדערווייטן דאָ מיין וועג באַהעלט.

פאַראַן אַ היים נאָך, וווּ אַמאָל צו קומען
און — זי געפינען פרידלאַך אויסגעשפרייט;
אַ האַרציק נאָנטע אין איר גרויען אומעט,
אַ זעליש ליבע אין איר בלויער פרייד — —

ביסטו, סלאָבאָדקע, — ווי איז מיר, — געוואָרן
אַ וויסטע געטאָ, פול געקלאָג, געוויין;
ביסטו, סלאָבאָדקע, — ווינד איז מיר, — געוואָרן
אַ „רעזערוואַציע״ פאַר מיין אָרים היים;

אַן אָרט פון אומקום פאַר מיין אומה בידנער,
אַן אָרט פון שענדונג, פייניקונג און גרויל;
אַן אָרט, פונוואַנען מיינע שוועסטער, ברידער
צוזאַמען גייען צו דער שחיטה — הויל.

עס האָט דער מערדער זיי צונויפגעטריבן
אין דיר, סלאָבאָדקע, פונעם גאַרן לאַנד
און, לעבעדיקע, שליידערט זיי אין גריבער,
און, לעבעדיקע, וואַרפט אין פייער־בראַנד.

און דיך, סלאָבאָדקע, טיליקט ער, פאַרוויסט ער,
און געסלאַך דיינע מאַכט ער פוסט און לער,
און שטיבער דיינע פון דער ערד פאַרווישט ער,
און אַ בית־עולם ווערט דיין גאַנצע ערד.

און שווער מיין בראָך איז און מיין צער שווער איז,
און פון מיין האַרצן רייסט זיך אַ געוויין, —
אויף יעדן דיינעם געסל פּוסטן, לערן,
אויף יעדער דיינער אָפּגעמעקטער היים.

און שאַרף מיין פּיין איז און מיין ווייטאָק שאַרף איז,
און פון מיין זעלע אַ געקלאָג זיך רייסט, —
אויף טאַטע־מאַמע — אויסגעסמט, פאַר׳שרפ׳עט,
אויף בלוט פון עופל און אויף בלוט פון גרייז.

און כ׳פרעג, סלאָבאָדקע, זיך און דיך אין ציטער:
צי קומט שוין איצטער טאַקע אָן דיין ענד?
דו ווערסט אויף תמיד אָפּגעווישט, פאַרשניטן?
און איך — איך וועל דיך קיינמאָל שוין ניט זען?

ניט זען שוין קיינמאָל דיינע שטיבער מערער?
די געסלאָך דיינע, אויפן זאַמד צעשפּרייט?
דיין קול־התורה מערער שוין ניט הערן?
ניט זען דיין טרויער און ניט זען דיין פרייד? — — —

אויף זאַמד אויף געלן, ביי ווילִיע בלויער,
אַ געטאָדיקע ליגסטו אויסגעשפּרייט
און, נאַכטיש־פינצטער, יאָמערט איצט דיין טרויער,
און, אויסגעלאָשן, שטומט אצינד דיין פרייד.

1944

קערפּערס פון יידן, אומגעבראַכטע פון די נאַציס אין סלאָבאָדקער געטאָ.

דער ניעמאַן

געווידמעט מיינע פריינט
אַלטע און דר. מענדל סודאַרסקי

פון אַלע טייכן, וואָס איך האָב געקענט,
אין מיין זכרון פליסטו, ניעמאַן, העלער.
צופוסנס הייבע, שטיינערדיקע ווענט,
אין היימשטאָט מיינער זינגען דיינע וועלן.

אין ווייטער קינדהייט, אין מיין לעבן־בלי,
אין פריע יאָרן, טרוימערישע, צאַרטע, —
שוין דאַן צו זען דיך האָט געגאַרט מיין בליק,
שוין דאַן מיין אויער הערן דיך געגאַרט האָט.

איך פלעג מיט מאַמען גיין צו דיר צוגאַסט,
אויף שטייניק־הויכן נאַבערעזש פאַרווײַלן.
און אָט איז ווייט שוין אונזער ענגע גאַס,
און נאָענט זיך וויגן דיינע גראַמע מיילן.

א פרי אין פרילינג. זון אין הימל בלאַנקט.
מיט צווייט מיט ווייסן דופטן ביימער גרינע.
דו ליגסט, מיין ניעמאַן, שפיגלדיק צעגלאַנצט,
מיט זילבער־שימער ביזן ראַנד פאַרכלינעט.

און פול אַצינדער איז דיין לענג און ברייט
מיט באַרזשעס, פּליטן, לאָדקעס אַלערלייע;
און דאַמפּערס וואַרטן, אַפּצושווימען גרייט,
און צו די דאַמפּערס פּאַסאַזשירן גייען.

און אָט אַ דאַמפּער טוט אַ שאַרפן וואַי,
און ס'הילכט אַן עכאָ אָפּ אַווו אין רוימען;
און שוואַרץ פאַרשריבן ווערט דאָס הימלבלוי
מיט רויך געדיכטן פון דעם דאַמפּערס קוימען.

ביים ברעג דאָס וואַסער שוימיק זיך צערוישט.
דער דאַמפּער, ניעמאַן, לאָזט זיך אויף דיין ברייטקייט.
אַ פּולגעפּאַקטן, אין זיין וועג אַרויס
מיין בליק מיין קינדיש נייגעריק באַגלייט אים.

איך קוק מיט נייגיר אויפן טייך, ביז העט,
איך נעם אַרומעט גאָר זיין שיינע סביבה:
אויף בערג, אַנקעגן, אַלעקסאָט מע זעט,
אין גרין אין פרישן — איינגעטונקט די שטיבער.

און אָנאָ, דאָרטן, מאַרעוויאַנקע ליגט,
אויף בערג אויף זעלבע, שפּעדיק באַוואַקסן;
און דאָרט, אינווייטן, ליגט די גרינע בריק —
עס יאָגן באַנען איבער אירע אַקסל.

און דאָ, אין שכנות מיטן ניעמאַן־ברעג,
דער גאַי צעשפּרייט איז — ביז ווילִיעם ראַנדן.
און איבער וואַסער, הייזער, מענטשן, בערג
אַ הויכער הימל זוניק איז צעהאַנגען.

איך קוק מיט נייגיר, חידושדיק איך בליק
און — זינגען נעמסטו, ניעמאַן, אין מיין זעלע;
און כ׳קער מיט מאַמען זיך אַהיים צוריק
אַדורכגעליכטיקט מיט דיין ליד דיין העלן.

און אָט איז זומער אויפן נאַבערעזש.
אַ שטילער אָוונט. אויסגעשטערנט. לופטיק.
פאַרבליט דער צווייט האָט, אָפּגעוועלקט — דער בעז.
און ריחות נייע — זומערדיקע — דופטן.

(פון געלע עפּל, פלוימען — פּיאַלעט;
פון שוואַרצע יאַגדעס, זאַפטיקע, געשמאַקע;
פון ברוינע בערנעס, האָניקדיק און פעט;
פון רויטע קאַרשן, זוניק דורכגעבאַקן).

איך זיץ מיט מאַמען שטיל דאָ אויף אַ באַנק.
איך בליק פאַרחלומט צו דעם טייך דעם שוואַרצן.
דער ניעמאַן רוט איצט — קוים מען הערט אַ קלאַנג.
און באַרזשעס, דאַמפּערס רוען אויף זיין האַרצן.

און פול אַצינדער איז דער טייך מיט סוד,
און אַלץ אַרום אים איז מיט סוד באַוואַכט איצט:
אויף בערג, אַנקעגן, פינצטערט אַלעקסאָט,
צעווישן ביימער אָוונטיק פאַרטראַכטע.

פון בריק פון גרינער אין דער בלינדער ווייט,
עס פינטלען, ווינקען פייערלאַך — פאַרסודעט;
און אַנאַ, דאָרטן, אין דער צווייטער זייט,
אַן איינזאַם פלעמל אויף אַ פּליט זיך הוידעט.

איך זיץ אַ שטילער און, פאַרטרוימט, איך הער:
אין שטאָט, אין גאָרטן, שפּילט איצט אַן אָרקעסטער.
איך צייל די שטערן: צוואַנציק... הונדערט... מער...
און קלייב זיך אויסעט צווישן זיי דעם גרעסטן.

דאָס איז מיין שטערן... זיין צעשטראַלטן גאָלד
אויף ניעמאַנס פּאָלדן זע איך, דאַכט מיר, בלענדן;
ווען כ׳וואַרף אין טייך זיך, אין זיין שוים, איך וואָלט
געפאַנגען דאָן אים און — געהאַט אויף שטענדיק...

איך זיץ אַ שטילער. חלום מיטן טייך.
אָ, צאַרטע טרוימען פון די קינדער־יאָרן! — —
און כ׳גיי מיט מאַמען צריק אַהיים באַרייכט
מיט טרוימען יענע און מיט יענע וואָרן.

און אַט איז אָסיען. סוכות שוין אַוועק.
אַ טריבער דרויסן. רעגנדיק און ווינטיק.
אין טיפן אומעט ליגט דער ניעמאַן־ברעג.
מיט טיפן אומעט איז דער טייך באַשפּינט איצט.

איך בין אַליין דאָ (בין אַ יינגל שוין
און גיי אין חדר. — ס׳ציט אָבער צום ניעמאַן.
צו זיינע שטראָמען, צו זיין רויש און שוים — —
און כ׳קום צום וואַסער, תמיד ווען איך קען נאָר).

און אָט ער כוואַליעט. בלייק־גרוי און שווער.
און אין די הייכן שווימען וואָלקנס גרויע.
און אזא טרויער הויערט אויף די בערג.
און אזא טרויער אויף מיין האַרצן הויערט.

איך בליק צום וואסער. ס'וויגט זיך אויף זיין שוים
אַ פישער־שיפל און — אַ פישער זיצט דאָרט.
דער פישער רודערט. ציט פון טייך אַרויס
אַ נעץ אַ נאַסע און — אַ פיש עס בליצט דאָרט.

אַ פיש פון ניעמאַן. צאַפּלדיק און פריש.
אַ פיש מיט שופּן — זילבערדיק צעגלאַנצטע.
כ'באַדויער ס'מזל פון דעם בידנעם פיש
און אין מיין מוח קומט אַזאַ געדאַנק מיר:

אַזוי געפאַנגען, ווי אין נעץ דער פיש,
דו ביסט אַצינדער פון דעם האַרבסט דעם טריבן.
און פון דעם חדר. פון גמרא־טיש. —
ביסט דאָך קיין קינד מער — שוין אַריבער זיבן!...

און כ'נעם פון ניעמאַן אָפּשייד אויפדערגיך,
אַן אומעטיקער, מיט אַ האַרץ אין קלעמען:
אַ סוף צום בטלען! ס'וואַרט אויף מיר אַ פליכט.
איך אייל אין חדר, חבר מיינער, — ניעמאַן.

און אָט איז ווינטער. שבת. אַ פאַרנאַכט.
אין חסידים־שטיבל איז אַוועק דער טאַטע.
אַ מילדער דרויסן. קרירה איז שוין שוואַך.
אין לופט אין לינדער ערב פרילינג פלאַטערט.

און ווידער גיי איך צו דעם ניעמאַן־ברעג:
וואָס טוט מיין טייך איצט? לעבט ער? איז ער גאַנץ נאָך?
ערשט גאָר זיין וואַסער איז מיט שניי באַדעקט.
ערשט גאָר זיין וואַסער איז מיט אייז באַפּאַנצערט.

און ס'ציט אַ וועג זיך איבער אים אינוויט,
אַ וועג אַ שטייפער, ווי אויף דער יבשה;
און מענטשן שפּאַנען צו דער צווייטער זייט;
און אַט אַ שליטן גליטשט זיך נאָך אַ לאָשעק.

איך שטיי פאַרוואונדערט: ווו ביסטו, מיין פריינט?
ווען זע איך ווידער דיין געזיכט דעם ליבן?
צעשיידט מיר זענען אַזאַ לאַנגע צייט,
חדשים לאַנגע, ווינטערדיקע, טריבע.

ווען טוסטו, ניעמאַן, אוים פון שניי דאָס העמד?
ווען טוסטו, ניעמאַן, אוים פון אייז דעם פאַנצער?
און, פריי פון הארבן, קרירהדיקן קלעם,
דו כוואַליעסט ווידער ברויזיק, אַ צעגלאַנצטער?

און — ס'קומט שוין אויסעט ניט צו וואַרטן לאַנג.
עס קומט אינגיכן אַן אַ נאַכט אַ וואַכע.
און מיט אַ גראָבן, דונערדיקן קלאַנג
דאָס אייז אויף ניעמאַן פּלאַצן נעמט און קראַכן.

אַ בלינדער כאַאָס אויף דעם טייך עס הערשט
(ווי אין די ערשטע וועלט־באַשאַף־מעת־לעתן);
און אייז — ער קראַכט אַליז, דונערדיק און שווער;
און ווייסע קריעס, קליין און גרויס און גרעסער,

ווי צפון־בערן, טוען זיך אַ לאָז
אַראָפּ דעם ניעמאַן, אויף די ברעגן זיינע;
און ס'רייסט זיך וואַסער — פליייצנדיקער גלאָז —
אין אַלטשטאָט־היימען אָרעמע אריינעט — —

(אין טעג אין יענע שמעקט מיט פסח שוין,
מיט מעד און מצה, מיטן שיינעם סדר;
און איך, א קונדס, בין אצינד „באלוינט":
ס'איז בין־הזמנים — פריי איך בין פון חדר.

און אין מיין הארצן גרינט אצינד א פרייד,
און אין מיין זעלע בליען טרוימען ריינע:
עס גייט א פסח און א פרילינג גייט —
פאר אונז פאר יידן, ניעמאן מיינער שיינער!).

אזוי די יארן האט דאן ווער געפירט,
געלאסן, רויק, ביי דער האנט, — ווי קינדער;
אין בייט אין שטילן פון די צייטן פיר —
פון פרילינגס, הארבסטן, זומערן און ווינטערס.

ביז ערשטער וועלט־קריג האט גענומען רויט
אויף שטעט און לענדער מיט הארמאטן בילן;
און יידיש לעבן איז געווארן טויט
אין היימשטאט מיינער טאליקער און שטילער.

עס האט א פיינט אונז אלעמען פארשיקט:
„ס'מוז ליטע ווערן ריין פון יידן — שונאים" — — —
און מיט א באנגן, בענקנדיקן בליק
איך האב אין גלות אפט געזען דיין פנים:

דו פליסט, מיין ניעמאן, אומעטיק פארקלערט
און טוסט אין פליסן נאך דיין חבר בענקען;
דו פילסט זיך עלנט און עס איז דיר שווער
די פוסטע ברעגן פון מיין היימשטאט שווענקען.

נאָר ניט געדאגהט! קומען וועט אַ טאָג
און — פול מיט יידן וועלן ווערן ווידער
די היימשטאָט־גאסן, יעדער זייער ראָג
און — ברעגן דיינע, ניעמאַן מיינער ליבער.

און אָט, נאָך יאָרן, דורכגעווייקט אין בלוט,
נאָך פייער־יאָרן, גרויזאַם און פארניכטנד,
איך זע מיין היימשטאָט, אין איר טאָל באַרוט
און דיך, מיין ניעמאַן, — שמייכלענדיק און ליכטיק.

און איצט איך בין שוין עלטער פון דעם קינד
און פון דעם יינגל — אין דעם עבר פרומען;
און נייע טרוימען איצט מיין זעלע שפינט,
און ניי איך בליק איצט אויף דער וואָר אַרום מיר.

און ס׳פרייט מיין זעל זיך, זעענדיק: עס רוישט
באַניים מיט יידן אין דער היימשטאָט מיינער;
און ס׳פרייט מיין האַרץ זיך, הערנדיק: עס ברויזט
באַניים מיט יידיש אויף די ברעגן דיינע.

און טראַכטן נעם איך: שכנים דאָך פונלאַנג
מיר, יידן, זענען דאָ מיט דיר, מיין ניעמאַן;
און אונזער שיינער מאַמע־לשון־קלאַנג
דו טוסט שוין דורות הערן און פארנעמען.

און אינדערלופטן איבער דיר דאָ שוועבט
דער גייסט פון מאַפו און פון בעל־מחשבות;
און ביי דיין ברעג דאָ אָטעמט נאָך און לעבט
דער גייסט פון מיינע דורותדיקע אבות.

און ווו איך קער זיך, ווו מיין בליק עס פאַלט,
איז יידיש, יידיש, — הונדערטער שוין יאָרן;
אַז אָפּט מיר דאַכט זיך: ס'איז מיין פאָלק מיין אַלט
ביי דיינע ברעגן, ניעמאַן, דאָ געבאָרן;

און זעסט מיר אוים דאַן, ווי דער ירדן־טייך
אין לאַנד פון מיינע זוניקע אמאָלן;
און ס'ווערט מיין אויג דאַן טרערנדיק באַפייכט —
פון זען דיך, ניעמאַן, אין אַזאַ מין חלום — — —

אין יענע יאָרן ביסטו מיר נאָך מער
געוואָרן נאָענט, ניעמאַן מיינער ווייסער;
כ'האָב פיל גערייזט דאַן איבער ליטע־ערד,
און אויף דיין וואַסער פיל איך האָב גערייזט דאַן.

צו שטילע שטעטלאַך, צו ישובים — גרין,
ווו יוגנט חלומט פון אַ וועלט אַ נייער
(עס האָט אַ „צענטער" מיך געשיקט אַהין —
איר מוט צו הויבן, צוגעבן איר פייער).

און גוט געווען איז אין דיין וואַסער־וויג
זיך אומצוּוויגן לאַנגע, לאַנגע שעהן:
דער דאַמפער רודערט און פאַרביי מיין בליק
צעבליטע פליינען ציען זיך און ציען.

און בערג צעגראָזטע, וועלדער — גרין־געדיכט
(צעווישן ביימער רוען הייזער — „דאַטשעס");
און אויף אַ לאָנקע רינדער פּאַשען זיך;
און ביי אַ ברעג דאָרט שטייט אַ פרוי און פּראַטשעט.

און אַט אַ שטעטל שווימט אַן פונדערוווייט,
אַ שטילער ישוב, אויף אַ באַרג אַ גרינעם. —
דער דאַמפער רודערט און דעם וואַסער שניידט,
און ברייטע וועלן שוימיקן און בלינען.

אַזוי די יאָרן זענען דאַן געגאַן
(אין טרוים פון וועלטן ליכטיקע, באַנייטע) — —
און ווען עס האָט מיך פון מיין היים אַ באַן
פאַרטראָגן אייליק אין אַ לאַנד אַ ווייטן,

האָסטו באַגלייט מיך אויף מיין וואַנדער־וועג
און — יאָרן, יאָרן אין מיין זעל געניגונט;
און אָפט געזען זיך האָב איך אויף דיין ברעג,
און אויף אַ דאַמפער — אין דיין שוים זיך וויגן.

און כ׳האָב געהאָפט אַלץ: קומען וועל איך ווען
פון לאַנד פון ווייטן צו די ליבע, נאָנטע
און — כ׳וועל דיך ווידער, ניעמאַן מיינער, זען,
און גרוים און פריידיק זיין וועט אונזער יום־טוב. —

האָט וועלט צעברומט זיך מיט אַ צווייטן קריג,
האָט וועלט צעפלייצט זיך מיט אַ צווייטן פייער;
אויף שטעט און לענדער אומגליק אָנגעשיקט,
אויף שטעט און לענדער — אומקום און לויה.

און אָנגעפלויגן איז פון דייטשלאַנד־וואַלד
אַ כמאַרע ברוינע, רויבערישע פייגל,
אַ האָרדע חיות אינעם מענטש־געשטאַלט,
מיט סם אויף ליפּן און מיט מאָרד אין אויגן.

און טױט און חורבן האָבן זײ געבראַכט
אין קאַנט אין יעדן פֿון מײַן שטילן הײמלאַנד;
און נאַכט און פֿינצטער האָבן זײ געמאַכט
אין ישוב יעדן — װוּ אַ ײדיש הײם נאָר.

און ס'איז מײַן הײמשטאָט אױסגעלערט באַניים,
און לער און חרוב איז מײַן הײם מײַן פֿרומע;
און פֿון מײַן האַרצן אַ געװײן זיך רײַסט:
איך װעל צו אײַך שױן, טײַערע, ניט קומען!

איך װעל אײַך, ליבע, קײנמאָל שױן ניט זען,
פֿאַרלענדט אײַך אַלע האָט די האַנט פֿון טמאה.
אין בלינדע קברים, צװישן שטומע װענט,
איר שלאָפֿט שױן אַלע, טײַערע, אױף תּמיד!

און דיך, מײַן ניעמאַן, װעל איך שױן ניט זען,
און פֿון דײַן שײנקײט מער שױן ניט געניסן.
צופֿוסנס הײכע, שטײנערדיקע װענט,
אַלײן אין הײמשטאָט װעסטו איצטער פֿליסן.

און איך — אַלײן דאָ, מיט מײַן טיפֿער פּײַן,
װאָס װעט שױן תּמיד נעסטן אין מײַן האַרצן,
װאָס װעט שױן שטענדיק, שטענדיק מיט מיר זײַן —
ביז לעצטער רגע, ביז דער גרוב דער שװאַרצער.

1945



די בריק איבערן ניעמאַן, אין קאָוונע, — צעשטערט פון די נאַצים.

אַ חלום

מלך ראַוויטש

א חלום געחלומט זיך האָט מיר
אין טיפער, אין פינצטערער נאַכט:
אין היימשטאָט, אין טאָליקער שטאָט מיין
א צוג האָט פונוויט מיך געבראַכט.

איך שפּאַן דורך דער שטאָט און מיט חידוש
עס פּולט זיך, עס קוועלט אָן מיין בליק:
די גאַסן, זיי רוישן מיט יידן,
וואָס שטראָמען אהין און צוריק.

מיט יידן אָן לאַטעס אָן געלע,
מיט יידן מיט זיכערע טריט,
מיט בליקן מיט זאַטע, מיט העלע,
אין שיך, אין מלבושים, אין היט.

איך גיי און באַטראַכט זיי פאַרוואונדערט,
איך גיי און — עס גלויבט זיך מיר קוים:
ניטאָ דאָ קיין טיפוס, קיין הונגער,
ניטאָ דאָ קיין נאַצישער סדום.

ניטאָ דאָ פון געטאָ קיין סימן,
קיין הייבע, קיין שטעכיקע ווענט;
און פריי איז די ערד און דער הימל —
ווי קיינזאַך וואָלט קיינמאָל געשען.

ניטאָ דאָ פון חורבן קיין צייכן,
קיין רמז אויף קריג און אויף גרויל,
קיין שטיבל — פאַר׳שרפ׳עט, פאַרוויכערט,
קיין וואַנט מיט אַ לאָך פון אַ קויל.

אָט ציט זיך די ליסוועס-אַלייע,
אין גרין אין געדיכטן געהילט;
און מויערן שטרעקן זיך רייען,
אין זונליכט אין בלאַנקן צעשפּילט.

און רייכע געשעפטן — צעעפנט,
וויטרינעס מיט זייד און מיט גאָלד;
און אַלעס, עס אָטעמט מיט שפע,
ווי דאַן, ווי אין גוטן אַמאָל.

אָט ווייזט זיך דער שטאָטישער גאָרטן —
צעגראָזיקט, צעבלעטערט, צעבלומט;
און קינדערלאַך יידישע דאָרטן
זיך שפּילן און לויפן ארום.

אָט זע איך דעם ניעמאַן — צעפלאָסן,
און ווייס איז זיין וואַסער, ניט רויט
פון יידישעם בלוט, וואָס פאַרגאָסן
דער טויט האָט — דער דייטשישער טויט.

אָט קום איך אין אַלטשטאָט אין ענגער,
אין געסלאַך — געהויקערט, געדרייט;
די שילדן די זעלבע דאָ הענגען
אויף יאַטקע, אויף ביר־הויז, אויף קלייט.

עס הערט זיך אַ שמידישער האַמער,
אַ קריץ פון אַ סטאָליערשער זעג;
און דאָרט, די ווילִיע, אַ גראַמע,
אין פרידן זי שטראָמט אין איר ברעג.

אַ ניגון פון חדר עס הערט זיך,
פון דאַוונער אַ קלאַנג אין אַ שול;
און ווו נאָר דער קאָפּ מיינער קערט זיך,
מיט יידישן לעבן איז פול.

און ווו נאָר מיין אויג טוט אַ פינקל,
איז אַלץ ווי געווען, אויף זיין אָרט;
אַיעדער באַקאַנטער מיר ווינקל,
ער זאָגט מיר: דיין חלום איז — וואָר.

אָט ליגט זי, די היימשטאָט די שטילע,
צעווישן צוויי טייכן צעשפּרייט,
אין אַרבעט, אין רו און אין תפילה,
מיט זקן, מיט קינד און מיט קייט.

ניטאָ דאָ פון באָמבעס קיין גריבער,
ניטאָ דאָ פון טאַנקען קיין סליאַד;
און ס'ווייסן ניט יידישע שטיבער,
וואָס איז עס אַזוינס אַ סניאַראַד.

אַ ליגן — די גאַזיקע צעלן,
די תּליות — אַ וויסטער קאַשמאַר;
און ס'וויסן ניט יידישע שוועלן
פון ברוינער, בערלינער געפאַר.

און — ליכטיק מיר ווערט אין די אויגן:
אויב אַלץ איז אַזוי, איז דאָך גוט...
און כ'לאָז זיך — אַ פייל פונעם בויגן —
אַהין — צו מיין אייגענעם בלוט.

אָט איז שוין דאָס געסל דאָס קליינע,
דער מויער — אַזוי מיר באַקאַנט;
אָט פירן די טרעפּ צו דער וווינונג
אויף גאָרן אויף דריטן — ווי דאַן.

איך הויב אויף די טרעפּ זיך — אַ וויכער —
און ס'האַמערט אַזוי מיר דאָס האַרץ;
אָט איז שוין די טיר און, ניט־זיכער,
איך קלאַפּ און, פּאַרטאַיעט, איך וואַרט.

און — ס'עפנט די טיר מיר די מאַמע,
(ווי דאַן, ווי מיט יאָרן צוריק);
אָט שטייט זי, אַ ליבע אַזאַ מין,
מיט צאַרטקייט אין מאַמעשן בליק.

איך טוליע זי צו צו מיין האַרצן
און — ס'וואַרגט מיך פון גליק אַ געוויין:
אַ ליגן — די יאָרן די שוואַרצע:
ניט חרוב, ניט וויסט איז מיין היים.

אַט איז זי, די מאַמע די אַלטע,
אין זילבער פון נאַקן ביז שלייף;
עס האָט ניט דער מערדער דער קאַלטער
פאַרוואַנדלט איר לעבן אין . . . זייף.

און ברידער אָט רינגלען אַרום מיך,
די שוועסטער, איר מאַן און איר קינד:
עס האָט ניט די בייזע מהומה
צעווייט זיי, ווי שטויב, אויפן ווינט.

און אָט איז די דירה די גאַרע,
די פרומע, די אָרעמע שטוב,
די פּאָליצעס, פולע מיט ספרים,
איעדער באַקאַנטער מיר שטול.

די לייכטער דער מאַמעס, דער שוועסטערס,
די בעטן, איעטווידע פאַן,
די חפצים די קלענסטע, די גרעסטע, —
ס'איז אַלעס, ס'איז אַלעס פאַראַן.

און פריידיק מיין האַרץ טוט אַ ציטער,
און ס'רייסט זיך די פרייד פון מיין מויל:
ווי איך האָב געפּלאָגט זיך, געליטן,
ווי איך האָב געקלעמט זיך, געגרווילט.

כ'האָב אַלע געזען אייך שוין טויטע,
פאַרפּייניקט פון רוצחישע הענט;
צעפליישט און צעביינט און צעהוויטיקט,
פאַרסמט און פאַרגאַזט און פאַרברענט.

עס האָבן די גרויזאַמע בילדער
פאַרפאָלגט מיך בייטאָג און ביינאַכט,
דאָס בלוט אין די וועגעס געקילט מיר,
געטריקנט אין קאָפּ מיר דעם מאַרך.

נאָר אַלץ איז געווען אַ חלום,
אַ שוואַרצער, אַ שרעקיקער טרוים:
איר לעבט, איר זענט אַלע בשלום
און — שטאַרק נאָך עס איז אייער בוים.

ער איז נאָך פאַרוואָרצלט אין באָדן,
ער איז נאָך מיט זאַפטן צעקוועלט;
ער איז נאָך מיט בלעטער באַלאָדן,
ער איז נאָך מיט בליונג באַהעלט.

און ווערן ער וועט נאָך באַשאָטן
מיט פּרות מיט זיסע אַ סך — — —
— — — — — — — — — — —
אַ חלום געחלומט זיך האָט מיר
אין טיפער, אין פינצטערער נאַכט.

1944

מיין מאַמע מנוחה יענטע, מיט פיר פון אירע אייניקלאַך, —
אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַ בינטל בילדער

אַ בינטל בילדער ליגט אין קעשענע ביי מיר —
אַ זכר פון דער היים, מיט חורבן־שטויב פאַרוויטער;
איך נעם עס אָפּט אין האַנט און יעדעס בילד צערירט
אַן אַנדער ווונד אין האַרץ, אַן אַנדער טיפן ווייטאָק.

אָט איז דער מאַמעס בילד — אַ צניעותדיק געזיכט,
צערונצלט און צעקנייטשט, — פון לעבן פונעם האַרבן. —
אָ, אַלטע מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט!
אָ, גוטע מאַמע מיין, אין בלוטיק נאָנטע קאָרבן!

ער איז געווען ניט גרינג, דער גאַנג פון דיינע טעג,
אין נויט און שטענדיקער, אין אָרעמקייט און טריבער,
נאָר גלויבנדיק דו ביסט געגאַנגען זיך דיין וועג
און אָנגענומען אַלץ, אַ ליידנדע, פאַר ליב האָסט.

דער ערשטער וועלט־קריג האָט אוועקגערויבט דיין מאַן
און צוויי פון דיינע זין — אין גרינעם בלי פון פרילינג;
און איצט, ווען וועלט באַניים זיך הילט אין שלאַכטן־פלאַם, —
וואָס טוט זיך דאָרט מיט דיר, אין ליטע־היים אין שטילער?

צי לעבסטו נאָך? און וווּ? אין אַזאַ שווידער־צייט!
ווי קומסטו דאָרטן אויס, אין געטאָ אין דער וויסטער,
אַהינטער טויבע ווענט, באַהיט פון בייזן פיינט,
וואָס האָט צו אונטערגאַנג אַ גאַנצן פאָלק פאַרמשפּט?

און עלטסטע שוועסטער מיין, מיט פנים — בלייך און דין,
געעלטערט פאר דער צייט, — פון לעבן פונעם שווערן, —
צי ביסטו גאנץ? דיין מאן? דיין איינונייניציק קינד?
אין אזא טייך פון בלוט! אין אזא תהום פון טרערן!

דו פלעגסט מיר שרייבן בריוו — זיי ליגן נאך ביי מיר —
מיט א געדרייטן כתב, אין אלטן, פרומען נוסח. —
צי וועל איך ווען נאך זען אזעלכע בריוו פון דיר
און — לייענען פארבענקט פון היים די ליבע גרוסן?

און עלטסטער ברודער מיין, מיט ווייכן, מילדן בליק,
מיט מאמעס ערלאכקייט, מיט טאטנס דרך פרומען, —
אווו ב י ס ט ו אצינד, ווען ברוינער מערדער שטיקט?
צי האט זי ד י ך געשווינט, די פלעטנדע מהומה?

מען האט געשריבן מיר: אין ערשטן טאג פון קריג
אוועקגעשפאנט דו האסט צופוס קיין עזשערענע.
איז — זע איך דיך אין וועג, ווען ערד ארום זיך וויגט
פון טאנקען און פון בליי, און שטעט און דערפער ברענען.

דו שפאנסט. דו איילסט. אין שרעק. דורך פייער און דורך רויך.
דריי הונדערט מייל צופוס. צו היים, צו פרוי און קינדער. —
צי האסטו דאן דיין נעסט דיין שוצלאזן דערגרייכט?
צי האסטו דאן דערווישט דיין שוצלאזע געזינד דארט?

און ברודער יינגערער — אי וועלטלאך, אי נאך פרום;
א שטיל־פארחלומטער, א לירישער, א צארטער; —
וואס איז מיט ד י ר געשען, ווען קריג האט זיך צעברומט?
און ד י י ן געזינד צי לעבט אין טעג אזעלכע הארטע?

אַט האַלט איך איצט דיין בילד און זע זיך אויפדאַסניי
מיט דיר אין קאָוונע־שטאָט ביים נ׳עמאַן־טייך שפּאַצירן;
מיר פּלענן אומגיין לאַנג, מיט הערצער — יונג און פריי,
און — ווער האָט דאַן געגלויבט: אַזעלכעס וועט פּאַסירן?

און יינגסטער ברודער מיין, מיט ברויזנדיקער זעל,
וואָס האָט דעם טאַטנס וואָרט אויף שווערד און ביקס פאַרביטן;
אַ יינגל נאָך — געקעמפט פאַר אַ באַפרייטער וועלט
און פאַר אַזאַ מין וועלט — אַ יינגל נאָך — געליטן.

פאַרלאָזן פרי די היים, מיט ווילן — אָנגעשטאַלט;
געטראָגן זיך דורך שטעט, געוואַנדערט דורך מדינות;
דער איינציקער פון אונז, וואָס האָט דעם פיינט געצאָלט
מיט קעגן־טויט פאַר טויט, מיט קעגן־האַס פאַר שנאה.

עס האָט די שפּאַניע־ערד געקענט דיין פעסטן טראָט,
דו האָסט געשלאָגן דאָרט די שוואַרצע פראַנקאָ־רייען;
און אין סאָוועטנלאַנד — געשריבן מיר מען האָט —
געבראַכט האָסטו דעם דייטש — אַ בראַווער רויטאַרמייער.

נאָר כ׳הער מער ניט פון דיר. — צי לעבסטו נאָך אַווו?
צי ברויזט נאָך ווו דיין האַרץ, דאָס זויבערע, דאָס ריינע?
צי פילט נאָך ווו דער פיינט אויף פעל זיינעם דיין ווט?
צי נעמט נאָך ווו דיין האַנט נקמה פונעם שונא?

און אַט איז נאָך אַ בילד — אַ מיידעלע, אַ קינד, —
אַ ברודערס קינד, אַ שיינס, מיט פּוכקע, זיסע גלידער. —
איך וויים, וואָס טאָן עס קען אַ טייוול פון בערלין
צו אַזאַ שוצלאָז קינד, צו אַזאַ קינד אַ יידיש.

און בילדער אַנדערע פון קינדער, פול מיט חן, —
פון אייגןביין און בלוט דאָס טייערסטע, דאָס בעסטע. —
איך וויים, וואָס טאָן עס קען צו אַלעמען צו זיי
אַ גיפטיקער גערמאַן, אַ דייטשלאַנדישע בעסטיע.

איך קוק די בילדער דורך און ווייטאָקדיק איך טראַכט:
צי וועל איך זיי נאָך זען, די נאָענטע, די ליבע?
צי אַלץ איז שוין געעקט — פאַרווישט האָט זיי די נאַכט
און בילדער — דאָס איז אַלץ, וואָס איז פון זיי געבליבן?

אַ בינטל בילדער ליגט אין קעשענע ביי מיר —
אַ זכר פון דער היים, מיט חורבן־שטויב פאַרוויטער;
איך נעם עס אָפּט אין האַנט און יעדעס בילד צערירט
אַן אַנדער ווונד אין האַרץ, אַן אַנדער טיפן ווייטאָק.

1944

מיין ברודער משה יוסף —
אומגעקומען אין דער צווייטער
וועלט־מלחמה.

מיין ברודער אברהם ברוך —
אומגעקומען אין דער צווייטער
וועלט־מלחמה.

מיין שוועסטער יוכבד ראשל —
אומגעקומען אין דער צווייטער
וועלט־מלחמה.

די בריוו דיינע, ברודער!

יעקבֿין

די בריוו דיינע, ברודער, פֿון ווייטער טורקמעניע,
די בריוו און די קאַרטלאַך פֿון לאַנד פֿונעם העלן, —
זיי בריען די הענט מיר, מײַן זינען זיי ברענען,
מיט שטיינער מיט שווערע זיי פֿילן מײַן זעל אָן.

דו שרײַבסט מיר, מײַן ברודער: דער איינציקער ביסטו,
וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון פֿייער פֿון גרויסן;
און אייגענע אַלע — געבליבן אין וויסט דאָרט,
אין נאַצי־גיהנום, אין געטאָ, אין חושך.

די מאַמע, די ברידער, די איינציקע שוועסטער,
די קינדער די קליינע, איעדנס געזינד דאָרט, —
אין לאַפּעס פֿון חיות, אין ציינער פֿון בעסטיעס,
אויף פּײַן און אויף מאַטער, אויף ווי און אויף ווינד דאָרט.

דו שרײַבסט עס מיר, ברודער, מיט ציטער אין האַרצן,
צעבראָכן פֿון ווייטאָק, פֿון עלנט, פֿון בענקשאַפֿט
און בעטסט אין די בריוו מיך, און בעטסט אין די קאַרטלאַך,
איך זאָל ניט פֿאַרגעסן, איך זאָל דיך געדענקען.

ווי קען איך פֿאַרגעסן, ווי קען איך, מיין ברודער,
אָן דיר, אין דיין טרויער, אָן דיר און אָן אַלע?
איך בין איצט, מיין ברודער, אין טרויער, ווי דו דאָרט,
מיין לעבן איז פֿינצטער, פֿאַרסמט און פֿאַרגאַליקט.

עס גייט מיר ניט אויס דאָ מיין זעט און מיין זיכער,
אַ טאָג אַ צעזונטער, אַ נאַכט אַ צעבלויטע;
איך זע אַלץ אין דמיון דעם בלוטיקן וויכער
און שטיבער פֿאַרקוילטע, און גריבער מיט טויטע.

איך זע אַלץ מיין היימלאַנד אין רויך און אין פֿלאַקער,
צעריסן פֿון באָמבעס, צעלעכערט פֿון קוילן,
פֿון שטיוול צעטראָטן, פֿון טאַנקען צעאַקערט,
פֿון איין עק ביז צווייטן פֿאַרגאָסן מיט גרוילן.

איך זע אַלץ מיין היימלאַנד אין נעגל פֿון שונא,
פֿאַרשווענקט און פֿאַרטרונקען מיט רויב און הריגה;
מיט לייבער צעבראָקטע עס בערגלען זיך פֿליינען,
מיט קערפּערס פֿאַרקילטע בעריאָזעס זיך וויגן.

און קאָוונע איך זע אַלץ — מיין היימשטאָט מיין גרינע,
אין געלקייט פֿון אָסיען, אין רויטקייט פֿון שקיעה;
מיט וואַקסענע מתים דער ניעמאַן סע כלינעט,
מיט בלויע הללים סע פֿלייצט די ווילִיע.

און יידן איך זע דאָרט, אין שמאַטעס געוויקלט,
מיט בלייכע געזיכטער, מיט לייבער — סקעלעטן;
זיי שאַרן זיך — שאָטנס — מיט שרעקיקע בליקן
דורך גאַסן דורך וויסטע, מיט אשן געבעטע.

און כ׳פרעג זיך כסדר: צי לעבט נאָך דאָרט עמעץ,
אין אָרעמער היים דאָרט, — פון נאָנטע, געטרייע?
און ווי דאָרט זיי לעבן — אין קוילערשע קלעמען?
ווי קומען זיי אוים דאָרט — אין שטענדיקן פייער?

און כ׳פרעג זיך כסדר: פאַרוואָס אזא צאָרן?
פאַר וואָסערע שולדן א גזר אזא קומט מיר? —
אַוווּ נאָר איך קער זיך, באַגלייטן מיך קברים,
אַוווּ נאָר איך ווענד זיך — בית עולמשע שטומקייט.

זיי טוען מיר נאָכגיין, די אומגליקן מיינע,
אין לאַנד אין איעדן, אַוווּ נאָר איך ווייז זיך:
עס ליגן צוויי ברידער אין ערד פון אוקריינע,
עס אייביקט דער טאַטע אין באָדן פון רייסן.

און ברודער און יינגסטער, מיט בליי אָנגעלאָדן —
פאַר רוצחים פאַר ברוינע, פאַר מערדער פאַר קאַלטע, —
ווער ווייס, וואָסער ערד דאָרט, ווער ווייס, וואָסער באָדן
זיין גוף האָט פאַרשאָטן, זיין קאָפּ האָט באַהאַלטן.

און — ליטע אַצינדער? און — אומגליקן נייע?
נאָך גרויזאַמער, בייזער? און — אַלע צוזאַמען?
איין גרויסע פאַרניכטונג? איין גרויסע לויה?
און — אַלץ איז געענדיקט? אַ סוף צו מיין שטאַם איז?

אָ, טייערער ברודער! ווי שאַרף — די יסורים,
וואָס זעגן כסדר מיין האַרץ און מיין מוח!
פאַרוואָס איז אַ קורצער אַזאַ מין מיין אָרעם?
פאַרוואָס איז אַ קנאַפּער אַזאַ מין מיין כוח?

און כ׳קען ניט, צעבראָכן מיט לייב און נשמה,
ווי ברודער ווי יינגסטער ווי אונזערער, אייזיק,
נקמה כאָטש נעמען פון אונזערע שונאים,
געדעכטע נקמה, — דורך שטאָל און דורך אייזן?

און כ׳קען ניט אפילו, אין בראָך אין מיין שווערן,
צו דיר, אין דיין טרויער, מיין ברודער, דערלאַנגען;
איניינעם באַווייַנען מיט בלוטיקע טרערן
די אייגענע אַלע, פון שונא געפאַנגען.

און ס׳בלייבט מיר בלויז איבער, אַליין, אין מיין וויי דאָ,
צו וואַרטן — ס׳וועט, אפשר, געשען נאָך אַ וואונדער;
און ליידן דערווייַלע, און לייענען זיי דאָ,
די בריוו דיינע, ברודער, וואָס שרייבסט מיר צעוואונדיקט.

די בריוו דיינע, ברודער, פון ווייטער טורקמעניע,
די בריוו און די קאַרטלאַך פון לאַנד פונעם העלן, —
זיי בריען די הענט מיר, מיין זינען זיי ברענען,
מיט שטיינער מיט שווערע זיי פילן מיין זעל אָן.

1944



מיין ברודער, דער דיכטער יעקב גאָטליב, —
געשטאָרבן פון טיפוס דעם 27טן מאַי, 1945.

אויך דו, מיין ברודער

איייזיקין

אויך דו, מיין ברודער, ביסט שוין מער ניטאָ.
אויך לעבן דיינעם האָט די נאַכט פאַרשלונגען.
אין פערציק דריטן, אין אַ ווינטער־טאָג,
אין שלאַכט געפאַלן ביסטו, ברודער יונגער.

אין קאַמף אַקעגן גיפטיקן גערמאַן,
אויף רוסלענדישע, רויט פאַרפלייצטע שנייען.
אָ, ברודער מיינער, מיט דער ביקס אין האַנט!
אָ, ברודער מיינער, בראַווער רויטאַרמייער!

דער יינגסטער פון דער מאַמעס זיבן זין.
אַ ליבער בחור, מיט אַ קאָפּ אין קרויזן.
אין היים אין פרומער, נאָך כמעט אַ קינד,
עס האָט דיין זעל שוין מיט רעוואָלט געברויזקט.

אַקעגן אומרעכט, קעגן שקלאַפעריי,
אַקעגן הערשער, פּאַראַזיט און הענקער.
שוין דאַן געטרוימט האָסט פון אַ וועלט, וואָס פריי,
און פאַר דער פרייהייט — אַלץ אוועקצושענקען.

עס האָט די מאַמע אָפּט געוויינט, געטרערט:
דו שאַנעוועסט ניט אירע יאָרן גרויע.
נאָר היימיש לעבן איז געווען דיר שווער,
און שווער געווען דיר — טאַטעשע הכנעה.

האָסט דעם גן־עדן דאָ, אויף ערד, געזוכט —
פאַר זיך, פאַר יעדן, וואָס אין פּיין געשמידט איז;
און פּרי געקעמפט שוין און דעם טעם פאַרזוכט
פון קנוט פון שונא — אין דער קליינער ליטע.

פון אונטערדריקונג און פון תפיסה־צעל,
פון שטענדיק, ברודער, זיין געיאָגט — אַ חיה.
ביז אויסגעוואַנדערט האָסט אין גרויסער וועלט —
באַניים צו קעמפן פאַר אַ וועלט אַ פרייער.

אָ, טעג פון הונגער אין דער שטאָט פּאַריז!
אָ, נעכט פאַריזער אונטער סענע־בריקן!
דו האָסט פון דאָרטן מיר געשריבן בריוו,
אַז — טראָץ דיין ליידן ביסטו, ברודער, גליקלאַך.

אַז נעמסט די ליידן אָן פאַר ליב, פאַר גוט
און גלויבן טוסטו: ס'וועט נאָך ווערן בעסער. —
און ס'האָט דיין אומרו יאָרן ניט גערוט,
און דיין רעוואָלט איז אַלץ געוואָרן גרעסער.

ביז אויפגעפלאַקערט העלדיש האָט די שלאַכט
אַקעגן פראַנקאָס מערדערישע רייען,
און האָסט דערזען זיך — צו דער פרייהייט וואַך —
אין די צעברויזטע שפּאַנישע טראַנשייען.

אַ יונג אַ יידיש פון אַ פרומער היים,
פון תהילימדיקע, שטילע מאַמע־טאַטע,
וואָס קעמפט אַקעגן אַלעם, וואָס געמיין,
שווין ניט מיט פסוקים, נאָר מיט האַנט־גראַנאַטן.

אָ, העלע שפּאַניע, פול מיט שוואַרצן טויט,
מיט בלוט מיט שטראָמען און מיט בערג חללים!
אָט דאָ, אין שפּאַניע, ברודער, האָסט געגלויבט,
עס ווערט מקוים דיין לאַנגיאָריק חלום.

אָט דאָ, אין שפּאַניע, פריי עס ווערט די ערד —
פאַר אָריער, נעגער, פאַר דעם ייד דעם בידנעם;
און רעכט אויף לעבן אַלעמען געהערט,
און אַלע ווערן שוועסטער דאָ און ברידער.

נאָר אַנדערש, ברודער, האָט דער פיינט געמיינט,
און שפּאַניעס פרייהייט האָט ער — אויפגעהאַנגען;
און ניט געוואָרן שפּאַניע איז דיין היים;
און ווידער האָסטו היימלאָז אומגעוואַנדערט.

און ווידער האָסטו בריוו געשריבן מיר —
פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פראַנקרייך
(עס האָט דיין קעמפן דיך אַהין פאַרפירט —
אַהינטער דראָט פון דעמאָקראַטיע קראַנקער;

אַהינטער דראָט פון דעמאָקראַטיע — פויל,
אין היטלערישע, דראָענדיקע יאָרן);
ס'איז יעדער בריוו דיין שאַרף געוועזן — אַ קויל:
די שלאַכט פאַר פרייהייט איז נאָך ניט פאַרלאָרן!

זי וועט נאָך שלאָגן, די געגאַרטע שעה,
ווען קלאַפּ וועט לעצטן וועט דער אוממענטש־קריגן,
ווען קומען וועט ער, שונא׳ם ווייסטער סוף,
די ענד פון אַלע רויבערישע קריגער!

און ביסט, מיין ברודער, גרייט געווען צו איר —
צו שלאַכט צו לעצטער קעגן מענטשן־שונא;
אין בריוו אין יעדן האָסט דערציילט עם מיר,
אַ מונטערדיקער, מיט אַ גלויבן ריינעם.

און ווען פאַרכלינעט האָט די גאַרע וועלט
דער נאַצי־גזלן מיט זיין בליי און פייער,
אין קריג אין גרויסן האָסטו ניט געפעלט,
אין קריג אין שווערן קעגן ברוינער חיה.

אָ, ברודער מיינער, איינציקער פון אונז,
וואָס האָט גענומען הייליקע נקמה
פאַר היים פאַר וויסטער — פון דעם ווילדן הון,
פאַר יידיש חורבן — פון די בייזע שונאים!

ס׳איז ערד סאָוועטיש הייליק דורך דיין בלוט,
דורך בלוט פון קעמפער העלדישע מיליאָנען;
דורך מוט דורך דיינעם און דורך זייער מוט
פאַרטיליקט איז ער, דייטשלאַנדישער המן.

נאָר ניט דערוואַרט זיך האָסטו אויפן זיג.
נאָר ניט דערלעבט האָסט, ברודער, דעם ניצחון.
אין שלאָף אין קאַלטן ליגסטו שוין פאַרוויגט —
אין ערד אין ווייטער, אין דעם לאַנד פון צפון.

ניטאָ דיך מערער. וועסט ניט שרייבן מער.
אויף בריוו אויף דיינע כ'וועל זיך ניט דערוואַרטן.
אויף תמיד רוט שוין אין דער ווייטער ערד
דיין קאָפּ געקרויזטער, ברודער מיינער צאַרטער.

ווי שאַרף — דער ווייטאָק און ווי טיף — די פּיין
אין גוף אין מיינעם און אין מיין נשמה! — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געהייליקט, אייזיק, זאָל דיין אָנדענק זיין!
געהייליקט, ברודער, זיין עס זאָל דיין נאָמען!

1945

מיין בּרודער, דער רויטאַרמייער איזיק גאָטליב, —
געפֿאַלן אין שלאַכט דעם דריטן מערץ, 1943.

היים פאַרוויסטע

דעם אָנדענק פון מיין טאַטן ר׳ הערשעלע
און פון מיינע צוויי יונג פאַרשניטענע
ברידער חיים־בצלאל און אהרון־אליעזר

איך האָב געהאָפט אַלץ און געגלויבט נאָך:
געשען אַ וווּנדער וועט אַ גרויסער:
עס האָט דער שטורעם ניט צעשטויבט דיך,
ניט אָפּגעווישט דיך האָט דער חושך.

האָסט זיך געראַטעוועט, אָרים היים מיין,
און זען זיך וועלן מיר נאָךביידע;
און פאַר די יאָרן פּיין און אימה
דו וועסט באַצאָלן מיר מיט פרײדן.

און פאַר די צייטן, שוואַרץ און בלוטיק,
דו וועסט מיט זונשיין מיך באַשיינען;
איך וועל נאָך זען דיך, היים מיין גוטע,
צו אייך נאָך קומען, נאָנטע מיינע. —

נאָר ס׳איז קיין וווּנדער ניט געשען:
ניטאָ דיך מערער, היים מיין פרומע;
און איך — איך וועל דיך שוין ניט זען,
איך וועל צו דיר שוין קיינמאָל קומען.

עס האָבן רוצחים דיך צעטראָטן,
עס האָבן מערדער דיך פאַרלענדעט,
מיט אַלע וואָרצלען אויסגעראָטן,
פאַרוויסט, פאַרטיליקט שוין אויף שטענדיק.

פאַרוויסט, פאַרניכטעט יעדן צימער,
איעדן ווינקל היימיש ליבן.
ניטאָ דיך מערער. ניט קיין סימן
פון דיר איז איצטער שוין געבליבן.

ניטאָ שוין מערער טאַטנס ספרים.
ניטאָ שוין מערער מאַמעס לייכטער.
ניטאָ די מעבל — אַלט און אָרים.
ניטאָ די כלים — שווערע, לייכטע.

ניטאָ קיין בגד, וואָס אַ ברודער
האָט ווען געטראָגן, — ווינטער, זומער;
ניטאָ קיין טעלער פאַר אַ סעודה
אַ מאָגער־פּראָסטער, היים מיין פרומע.

ניטאָ דער בעכער פונעם טאַטן —
אויף מאַכן קידוש שבת, יום־טוב;
אויף טיש באַקאַנטן די צעראַטע,
די לעפל־גאָפּל היימיש נאָנטע.

דער קרבן־מנחה, געל פון טרערן,
פון מאַמעס טרערן, — זאַלציק־זיסע;
אַ נאָדל־פּאָדים און אַ שערל;
איעדער האַנטוך, יעדע קישן;

אין וואַנט אַ צוועקל; מינדסטע זאַכן,
וואָס האָבן יאָרן, שטילע היים מיין,
אין דיר געטאָן דאָרט רוען, וואַכן,
אין דיך געלעבט דאָרט און געהיימישט; —

ניטאָ שוין מערער, אַלץ ניטאָ מער,
די היים די גאָרע, אַלץ, וואָס טייער. —
פאַרשלונגען אַלעס האָט דער תהום דאָרט,
פאַרשרפעט אַלעס האָט דאָס פייער.

און דיך ניטאָ מער, אַלטע מאַמע.
און אייך ניטאָ שוין, שוועסטער, ברידער.
פאַרשוואונדן זענט איר אין די פלאַמען.
פאַרשוואונדן זענט איר אין די גריבער.

פאַרשוואונדן זענען הערצער ליבע,
פאַרשוואונדן זענען ליבע בליקן,
וואָס אין מיין פרעמד דאָ אין מיין טריבער
פונוייטן פלעגן פרייד מיר שיקן.

פאַרשוואונדן זענען שורות העלע,
פאַרשוואונדן זענען ווערטער צאַרטע,
וואָס אין מיין היגן גרויען עלנט
מיך פלעגן טרייסטן, היילן, שטאַרקן.

איך וועל קיין בריוו שוין מער ניט קריגן
פון דיר, מיין דינע, בלייכע שוועסטער,
מיט צניעותדיקער האַנט געשריבן, —
ניטאָ דיך מערער; ביסט אַ מת שוין.

איך וועל קיין גרוסן מער ניט הערן:
וואָס מאַכן ברידערס קינדער קליינע:
צעפּרעסן האָבן ברודנע ווערים
זיי אַלע, אַלע ביזקל איינעם.

און שטיל געוואָרן איז אַרום מיר —
אַ שטילקייט פון אַ בית־הקברות;
איך בין אַליין איצט, היים מיין פרומע,
אַ יתום אויף דער וועלט דער גאָרער.

ווי ביטער איז עס מיר צו וויסן.
ווי ביטער איז עס מיר צו פילן.
עס איז מיין האַרץ איצט פול מיט ריסן.
עס קען מיין זעל זיך איצט ניט שטילן.

כ'האָב ניט געוווסט גאָר, אָרים היים מיין,
ווי דיך צו שעצן, טייער האַלטן;
ווי טייער האַלטן יעדן איינעם,
די ברידער, שוועסטער, מאַמע אַלטע.

און אַזאַ בענקשאַפט נאָגט מיך איצטער,
און אַזאַ ווייטאָק עקבערט, בוויערט;
און פאַר די אויגן (אין מיין פינצטער),
און פאַר די בליקן (אין מיין טרויער)

דו שטעלסט אַוועק זיך, פרומע היים מיין,
דו שטעלסט אַוועק זיך, היים מיין אָרים,
אין גאָר דיין קיום הייליק־שיינעם, —
פון איצט ביז ווייטע קינדעריאָרן.

אָ, קינדעריאָרן מיינע ווייטע,
אין קאָוונע, שטאָט פון מיין געבאָרן,
אין שלומדיקע, שטילע צייטן, —
ווי העל איר גייט אויף אין זכרון!

אין ענגער אַלטשטאָט, ביי ווילִיע,
אין יאַטקע־געסל שמאָלן, קרומען, —
פאַרבראַכט איך האָב דאָרט יאָרן פריע,
פאַרבראַכט איך האָב דאָרט יאָרן פרומע.

ס'איז קליין געווען אונזער דירה
און גרוי און אָרים — איך באַשטאַטונג,
נאָר אין איעדן ווינקל אירן
אַ ווייסע קדושה האָט געפלאַטערט.

געווען איז טאַטע ראש־ישיבה,
פאַרמאָגט אַ פולע שטוב מיט ספרים
און — ס'האָט מיט תורה אונזער שטיבל
געשאַלט אין יענע ווייטע יאָרן.

געווען איז טאַטע אויך אַ חסיד,
פלעג אין באַנאַכטן זאָגן זוהר
און — אַ געזאַנג האָט זיך געגאָסן
אין יעדן צימער ענגן, גרויען.

געפּאַסט הפסקות אָפט ער האָט אויך,
געצערט דעם קערפּער, אַ פאַרגלויבטער:
די וועלט פון איצטער — בלויז אַ שאָטן,
די וועלט פון צוקונפט איז די הויפּטזאַך.

און אונז, די קינדער זיינע קליינע,
אין וועג אין אייגן האָט דערצויגן,
אין וועג פון חסידות ערלאַך־שיינער,
אין תורה, תפילה און אין גלויבן.

און טעג געשוווּמען זענען שטילע,
ווי קלאָרער וואַסער ווו געשוווּמען,
אין לערנען, דאַווגען, זאָגן תהילים
און אין חלומות קינדיש פרומע:

(פון יצר־טוב און יצר־הרע,
פון דעם גן־עדן און גיהנום,
פון גאָט און מענטש און מינדסטן וואָרעם,
פון וועלט אויף ערד דאָ און פון„יענער").

און אָט פאַרשווּמען ווו אַ וואָך איז,
און אָנגעקומען איז דער שבת;
פאַרענדיקט מאַמע האָט שוין קאָכן,
פאַרענדיקט באַקן, יאָגן, האַווען

און נעמט זיך פאָרבטיק צו די לייכטער,
אַוו סע שטעקן ווייסע ליכט שוין;
איר בליק איר מילדער טוייק פייכט ווערט,
איר פנים, ווי דער שבת, — ליכטיק.

און איך און טאַטע און די ברידער —
מיר לאָזן זיך מיט געסלאַך שטילע
אויף גרינעם באַרג, אין חסידים־שטיבל,
צו די געשמאַקע שבת־תפילות.

אָ, שבת ווייטער! קיינמאָל כ'וועל שוין
דיין ווייסע קדושה מער ניט פילן:
פאַרוויסט אין היים דאָרט איז די שוועל שוין:
זי וועט אין היים מיך מער ניט פירן.

און די יום־טובים, היים פאַרוויסטע,
אין קינדערישע, ווייטע יאָרן.
...אין בלוי קומט אָנעט חודש ניסן
מיט היימשטאָט־טייכן — ניי־געבאָרן.

די טייכן, ברייטע, שטראָמיק רוישן,
אין ווייטע וועלטן ברויזיק פאָרן;
און אין צעזונטן, לינדן דרויסן
דער טאַטע לופטערט זיינע ספרים.

און מיר, די קינדער, העלפן אונטער.
און מאַמע, שוועסטער, פול מיט חשק,
דעם חמץ ראַמען ביזן גרונט אויס
און — גרייטן שטוב צו פאַרן פסח.

און אָט באַווייזט ער זיך, דער שיינער,
אין בלאַנקער כשרות אויסגעבאָדן — —
אָ, קינדערישער ערשטער סדר,
מיט ארבע כוסות און הגדה;

מיט פרייד פון עסן מצה־שמורה,
פון „גנבענען" דעם אַפיקומן!
צעשטויביקט אַלעם האָט דער שטורעם,
צעווייעט אַלעס, אָרים היים מיין.

...און אַט שבועות בליט און דופּטעט.
עס צוויטן ביימער — ווייסע כלות.
אין שטוב איז איצטער פריש און לופטיק:
צעעפנט פענצטער זענען אַלע.

ביי מילכיקער, ביי סעודה גרינגער
עס זיצן קינדער, טאַטע־מאַמע;
אקדמות־ניגון זוניק שפּינט זיך
אין יעדן יום־טובדיקן קאַמער.

און נאָכן עסן, פֿריי פון חדר,
אויף וואַסילוווקע כ׳גיי שפּאַצירן.
דער באַרג, ער טראָגט איצט גרינע קליידער.
אויף ביימער פייגל זאָגן שירה.

אין גראָזן יאַגדעס זיך שוין רויטלען.
און אונטן גאָלדיקט ווייסער ניעמאַן.
אַ בלויער ווינטל גלעט די הויט מיר.
אַ זון אַ בלאָנדע קושט די ברעמען.

אָ, קינדערישער, ווייטער שבועות!
די פיין, זי שניידט מיר זעל און זינען.
דיין גרינע שמחה איצטער ווו איז?
אין היים איך קען זי מער געפינען.

...אויף ראש־השנה צו דעם רבין
מיט טאַטן, ברידער פלעג איך פאָרן
(פון געגנט יעדער, קאַנט איערן
מען איז צו אים דאַן אָנגעפאָרן).

געשמעקט האָט דרויסן שוין מיט אָסיען.
אַ גרויער הימל איז געהאַנגען.
אַ ווינט אַ קילער האָט געבלאָזן —
צעטראָגן וויט די שופר־קלאַנגען...

די דבקותדיקע דאַוונער־קולות
אין קוידענאָווער רבינס שטיבל — —
און מיר געווען גוט און ווויל איז;
געבליקט צום רבין האָב מיט ליבע;

גענויגט מיין אויער צו זיין שטימע:
שליח־ציבור איז ער תמיד
(די תפילות זיינע, גלייך צום הימל
זיי שטייגן אויפעט פונעם עמוד...).

ביים פלאַכן וואַסער — די מצולה —
דעם תשליך האָבן אָפּגעריכט מיר;
האָב „אויסגעטרייסלט" זינד אַ פולע
און ס'איז געוואָרן לייכט מיר, ליכטיק...

און, מיט דער חסידים־מחנה גאַנצער
(אין אָסיענדיקן, קילן דרויסן),
אַוועקגעלאָזט זיך האָב איך טאַנצן
און — צוגעזמרט פריידיק־רוישיק.

...יום־כיפור — טאָג פון טיפסטער ווידוי.
יום־כיפור — יום־טוב פון פאַרגעבן.
אויף גרינעם באַרג מיר דאַוונען ווידער,
מיר בעטן גאָט אויף ווייטער לעבן.

א טאָג אַ גאַנצן וויגט דער טאַטע
אויף פּיס אויף זיינע, ווי אַ שיף, זיך;
זיין טלית, ווי אַ זעגל, פלאַטערט
און אויף זיין מחזור טרערן טריפן.

און מיר, די קינדער, פּרוון פאַסטן.
ביז צוועלף דעם זייגער... ס׳גייט ניט מערער...
און הונגעריקע, קייען האַסטיק
די חלה מיט געהאַקטן הערינג.

... און אָט איז סוכות. גרין און סככיק
אין אונזער אייגן סוכה איז איצט.
ביינאַכט דער טאַטע טוט דאָ וואַכן:
ס׳באַזוכן דאַן אים די אושפּיזין...

בייטאָג איך שפּיל זיך דאָ אַרומעט
מיט חדר־יינגלאַך פריינטלאַך מיינע
(אינדרויסן גרויט איצט אַזאַ אומעט,
און דאָ צעגרינט איז אַזאַ תענוג).

אינאָוונט, אין דער חסידים־שטיבל,
מיר פּראַווען שמחת־בית־השואבה;
מיר טרינקען בראַנפן, זינגען לידער
און אין ריקודים פּיס זיך הייבן.

הושענה־רבא, פּונקט צו מיט־נאַכט,
דער הימל — זאָגט מען — דאַרף זיך שפּאַלטן.
איך וויל עס זעען, וואַרט מיט ציטער,
נאָר קען דעם שלאָף מער ניט פאַרהאַלטן...

אין שמחת־תורה „מלא" בין איך,
מיט אלע גרויסע, שווערע חסידים;
די פרייד, ווי היימשטאָט־טייכן, כלינעט
און — גוט איז איצטער זיין אונז יידן.

...און חנוכה. מיט ערשטע שנייען
דער ווינטער־דרויסן שורשעט, פלאַטערט.
דאָס דריידל טוט זיך מונטער דרייען.
אין קיך די מאַמע פרעגלט לאַטקעס.

די ליכטלאַך אויפן פענצטער העלן
און — ווינקען צו דעם שניי דעם ווייסן;
דערציילן אים פון לאַנד פון העלן
א וונדערלאַכע, אלטע מעשה...

...און פורים ווייטער, קינדערישער,
מיט שלח־מנות און מגילה;
אין המנען מיר טוען „שיסן",
אין דער עקדה מיר זיך שפּילן.

אינדרויסן אָטעמט שוין מיט פרילינג.
אָט נאָך א וואָך און — ער וועט קומען — —
אָ, קינדעריאָרן ווייטע, שטילע,
אויף אייביק זענט איר שוין פאַרשוווּמען!

ס'האָט ערשטער וועלט־קריג אייך צעשאָסן,
מיין היים אויף האַלב דאָן איינגעבראָכן;
שוין דאָן, מיין היים, האָסט בלוט פאַרגאָסן
פאַר עמעצנס א שוואַרץ ניצחון.

עס איז דער טאַטע דאָן געשטאָרבן,
פּריציייטיק איז זיין זון פאַרגאַנגען;
געפאַלן, טאַטע, ביסט אַ קרבן
פאַר וועלטס גזלנישע פאַרלאַנגען.

צו אַכט און פערציק ניט געוואָרן,
דאָס ריינע לעבן שוין פאַרענדיקט;
אין ערד פון מינסקער בית־הקברות
דו שלאָפסט דאָרט, טאַטע, שוין אויף שטענדיק.

... עס זענען ברידער צוויי פאַרשוואונדן
אין יענע יאָרן בלוטיק רויטע.
אָ, ברידער מיינע צאַרטע, יונגע,
איך שפּיר נאָך איצטער יענעם ווייטאָק!

צוזאַמען זענען מיר געלעגן
אין שטאָט ראָמען, אויף דער אוקראַינע,
אויף דריי פאַרברודיקטע געלעגערס,
אין טיפוס־קלעמען, ברידער מיינע.

איר זענט געשטאָרבן. איך — געבליבן.
מיט שניט מיט שאַרפן אין נשמה.
אָ, ברידער מיינע האַרציק ליבע,
קרבנות יונגע פון מלחמה!

... אין יענע יאָרן וויכערישע
(אין פייער־רעגן, קוילן־האָגל)
כ'האָב, היים, פון דיר זיך אָפּגעריסן
און — איבער רוסלאַנד אומגעוואָגלט.

געשלייפט דעם מוח אין ישיבות,
פאַרזוכט דעם טעם פון פרעמדע טישן
און אין די נעכט, אין שעהן טיפע,
האָב אויך גענאַשט פון וועלטלאַך וויסן.

און אין אַ שולע זיך געלערנט.
אַליין אַ לערער דאָן געוועזן.
און אַרבעטן געטאָן דאָן שווערע
און ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן.

און טויט געזען דאָן, אומקום־פּחדים.
אַליין ביים ראַנד פון גרוב געשטאַנען.
און, מיט אַ העלן טרוים באַלאָדן,
געשפּאַנט צופוס, געררייזט אין באַנען;

געשלונגען אַלץ די נייע ערטער,
מיט נייע מענטשן זיך באַגעגנט;
געזעטיקט זיך מיט בליקן, ווערטער
און — אַלץ געביטן זיי, די וועגן.

נאָר אין די אַלע אינדערפרעמדן
(אויף דער אוקראַינע, אין גרויסרוסלאַנד)
איך האָב, מיין היים, אויף האַלב פאַרלענדעט,
מיט דאָרשט געשלונגען דיינע גרוסן.

ווי ווײַן ווי שטאַרקן, זיי געטרונקען,
אַיעדן בריוול היימיש ליבן:
דו ליגסט, מיין היים, אין צער פאַרזונקען,
דו ביסט נאָך אָבער דאָ — געבליבן.

פאַראַן נאָך מאַמע, שוועסטער, ברידער,
פאַראַן נאָך ווינקלען שטילע, פֿרומע,
צו וועמען און וווהין נאָך ווידער
איך קען פֿון פֿרעמד פֿון מיינער קומען.

און האָסט מיך, היים, גערופֿן טאַקע:
— וואָס זײַ איך דאָרטן אינדערוויטן?
צי איז אין וואָגל מער געשמאַק מיר?
ז׳ניט בעסער לעבן, ווי ביי לייטן? ...

און אָט, נאָך זיבן יאָר פֿון וואָגל, —
ס׳האָט וועלט מיט שלום לאַנג געבליט שוין, —
כ׳האָב זיך באַניים צו דיר דערטראָגן,
מיין טאָליק היימשטאָט אין דער ליטע.

אָ, יענער גרויער שבת־מאָרגן,
אין נײַנצן הונדערט פֿינף און צוואַנציק!
עס האָבן טרערן מיך געוואָרגן,
ווען כ׳האָב דערזען דעם ניעמאַן גלאַנצן.

ווען כ׳האָב דערזען באַקאַנטע גאַסן,
באַקאַנטע פֿון מיין קינדהייט פּלעצער. —
אַ פֿריידיקן, מיט אויגן נאַסע,
די קאָנקע האָט אַראָפּגעזעצט מיך

אויף פּלאַץ־פּאַראַד, אין ענגער אַלטשטאָט
(נוט ווייט פֿון דיר, מיין היים מיין פֿרומע).
אוועק בין איך מיט געסלאַך אַלטע,
אוועקגעשפּאַנט מיט געסלאַך קרומע.

און — אַט דאָס געסל האָב דערזען איך.
אַט איז דער מויער, גאָרן דריטער — —
מיט טריט פאַרלאַנגזאַמטע גענען איך
און, אין דערוואַרטונג, האַרץ מיינס ציטערט.

איך שפּאַן אַדורך אַ שמאָלן הויפל
(און האַרץ אין האַלז אין מיינעם שפּיר איך);
איך הויב אויף שטיגן זיך אַרויפעט
און — — ס'עפנט מאַמע מיר די טיר אויף.

איך טו זי היים צו זיך אַ טוליע
און — גרויס מיין גליק איז — ביז צום שטאַרבן.
איך קוש די אויגן אירע, פולע
מיט זאַלץ פון טרערן; קוש די קאַרבן,

די ליבע קאַרבן אויף איר פּנים,
די טייערע, די נאָנטע קנייטשן
(פון נויט און ליידן די סימנים,
פון יאָרן לעצטע, בלוט פאַרפּלייצטע) — —

און ס'רינגלען ברידער מיך אַרומעט,
ביים שבת־טיש, באַשטעלט מיט לייכטער
און גלעטן מיך מיט בליקן פרומע,
און צערטלען מיך מיט אויגן פייכטע.

און עלטסטע שוועסטער מיינע אַט איז,
איר פרומער מאַן, איר טאָכטער קליינע — —
איך זיץ אַ פריידיקער און אָטעם
באַניים אַריין דיין ריח, היים מיין.

איך זיץ אַ גליקלאַכער, אָן ריידן
(פון גליק מיין מויל איז צוגעשלאָסן):
אָט ביסטו, היים מיין, — העלער עדות
פון קינדהייט מיינער, — ווייט פאַרפלאָסן.

אָט ביסטו, היים מיין, — ענג און טונקל,
מיט ווענט — צעבויגן, פול אין שפּאַלטן,
מיט אָרימקייט אין יעדן ווינקל,
מיט מעבל גרויע, כלים אַלטע.

אָ, ליבע היים! איך זע דיך ווידער.
דו ביסט נאָך דאָ, מיין היים מיין פרומע.
אָט זענען: מאַמע, שוועסטער, ברידער
און — זיין מיט גליק עס זאָל מיין קומען! — — —

...און ס'איז אַוועק אַ צייט אַ נייע
אין היים אין אַלטער, אין דער ליטע.
איך בין אַצינדער שוין אַ „פרייער".
כ'האָב אינדערפרעמד זיך שטאַרק געביטן.

איך דאַוון מער ניט, בין ניט פרום מער
און טו דאָס פּנים מיינעם גאָלן...
און טראָג מיט ביכלאַך זיך אַרומעט...
און דריי זיך אומעט, ווי אין חלום...

און טו זיך פריינטלען מיט פּאָעטן...
און עפּעס שרייב איך — פּראָזע, לידער...
די מאַמע מיינע — זע איך — זעט עס
און — ליידט דערפון, איז ניט צופרידן.

און פרווט צום גוטן מיך באַקערן.
און ריידן פרווט מיך גאָר אַ שידוך:
וואָס וויל איך? וואָס? אַ שרייבער ווערן?
איז עס אַ תכלית דען ביי יידן?...

שוין צוויי און צוואַנציק מיר געוואָרן.
שוין צייט אַ חופּה מיר צו שטעלן.
דאָס מיידל איז אין מיינע יאָרן.
מיר וועלן ביידע זיך געפעלן...

אָ, מאַמע מיינע! האָסט אַ תכלית
געזוכט פאַר מיר — דיין זון דעם „פרייען";
און מיך געצויגן האָט די רחבות
פון היימשטאָט־טייכן שטראָמיק־פרייע.

און מיך געצויגן טאָלן האָבן
און בערג צעגרינטע פון מיין היימשטאָט;
אָנשטאָט דאָס געלט פון נדן האָב איך
געציילט דאָס „גאָלד" פון שטערן ריינסטע.

אָנשטאָט צו לעבן „ווי ביי לייטן"
האָב איך אין הימלען אומגעשוועבט גאָר;
געחברט זיך מיט ווינט פאַרשייטן,
איבער די שליאַכן אומגעשלעפט זיך;

איבער די גרויע ליטע־שליאַכן,
צעווישן ווייסינקע בעריאָזעס;
געקוויקט זיך מיט אַ קוועלבלס לאַכן,
מיט טוי — צעפּערלט אויף די גראָזן.

געדאַוונט צו אַ דעמב אַן אַלטן,
געֿתפילה'ט צו אַן אַלטער ווערבע;
און סיי אין היצן, סיי אין קעלטן
געמאָסטן אַלץ די ליטע־ערדן.

און סיי אין פרילינג, סיי אין אָסיען
מיט האַרץ צעברויזטן אַלץ געוואַנדערט;
און ס'איז אַזוי אַ יאָר פאַרפלאָסן,
און דריי און פינף — אַזוי פאַרגאַנגען.

און דאַן, אין ניינצן הונדערט דרייסיק,
האָב איך, אין דראַנג נאָך נייעם וואָגל,
מיין אַלטע היים, פאַרלאָזט באַניים דיך
און — ווייט אין וועלט אַוועקגעוואָגלט.

...און ביסט אין ליטע, היים, געבליבן.
און איך — אַדאָ, אין פרעמד אין ווייטע.
נאָך דורך די יאָרן — צוויי מאָל זיבן,
דורך אַלע גוטע, שלעכטע צייטן,

אין אַרבעטן, אין רוען, עסן,
אין שעה פון פרייד, אין טאָג פון אומעט, —
איך האָב דיך, היים מיין, ניט פאַרגעסן,
איך האָב געדענקט דיך, היים מיין פרומע.

און פאַר די אויגן ביסט געשטאַנען
(אין אַלטשטאָט, דאָרטן, ביי וויליע);
און טויזנט מאָל איך האָב פון דאַנען —
געבענטשט, מיין היים, דיין שטילן קיום.

ביסט אָרים, היים (מיט וועגט מיט קרומע,
מיט צימערן מיט ענגע, גרויע);
נאָר, ווי אַמאָל, דיין דלות פרום איז
און פול בטחון — איז דיין טרויער.

און פול מיט גלויבן — מאַמע גרייזע,
און פול מיט האָפן — ברידער, שוועסטער:
עס וועט די זון זיך נאָך באַווייזן,
דאָס לעבן וועט נאָך ווערן בעסער.

פאַראַן אַ גאָט נאָך (דאָרט, אין הימל),
וואָס הערן טוט ער און פאַרנעמען
דעם אָרימאַנס געבראָכן שטימע,
די שטים פון ייד אין גלות־קלעמען.

און ער וועט העלפן — אונז און אַלע.
און ברענגען צו אַ העלן מאָרגן.
באַפרייען וועט פון גרויען דלות,
באַפרייען וועט פון גרויע זאָרגן — —

אָט דאָס האָסטו מיר, היים, געשריבן
אין בריוו אין יעדן פרומען, צאַרטן
און — האָסט מיין עלנט דאָ פאַרטריבן,
און האָסט געמוטיקט און געשטאַרקט מיך.

און כ׳האָב געהאָפט צו קומען ווען נאָך
צו דיר, מיין היים, צו אייך צו אַלע.
און, לעבעדיקע, גאַנצע, זען אייך,
און, ווי אַמאָל, געפינען אַלעס:

נאָך אַלעם דאָ. די היים די גאָרע.
נאָך לעבט מיין שטאַם און בליט און גרינט נאָך.
און וועט נאָך לעבן לאַנגע יאָרן.
און וועט ניט וויסן פון קיין ווינטער — —

אין פּלוצים, היים מיין, דיך באַפאַלן
אַ לאַנד פון חיות בייזע, ברוינע,
אַ פאָלק פון וועלף און פון שאַקאַלן,
אַ מענטשנפרעסערישער שונא.

באַפאַלן דיך אין נאַכט אינמיטן,
באַפאַלן פון זיין שוואַרצן לויער;
באַפאַלן גאָר מיין היימלאַנד — ליטע,
איעדן שטעטל, דערפל גרויען.

מיט באָמבעס, קוילן, רויך און פייער,
מיט דאָרשט נאָך בלוט פון קינדער, מאַמעס;
מיט דאָרשט נאָך יידישע לויות,
נאָך שטיבער יידישע — אין פלאַמען.

און האָט פאַרוויסט דיך, האָט צעטראָטן,
און האָט צעשטאַמט דיך, שטילע היים מיין;
מיט בלוט פאַרפלייצט, מיט אַש באַשאָטן,
מיט ערד באַדעקט, מיט נאַכט און אימה.

אַראָפּגעהאַקט איעדן צווייגל,
איעדן וואָרצל אויסגעריסן;
דיך איינגעהילט אין אייביק שווייגן, —
איך זאָל שוין קיינמאָל מער ניט וויסן,

צי איז אַ שפּור פון דיר געבליבן,
און ווו אים זוכן — אינעם חורבן;
און ווו איר ליגט דאָרט אין די גריבער —
מיט בערג הרוגים אָנגעהורבעט.

איך זאָל שוין קיינמאָל מער ניט וויסן,
ווי ביסטו, היים מיין, אומגעקומען;
דורך וויפל וווּנדן, וויפל ריסן,
דורך וויפל גרוילן, היים מיין פרומע.

מיט ווערטער וואָסערע אויף ליפּן
איז אַלטע מאַמע שטום געוואָרן,
מיט קרעכצן וואָסערע און כליפּן
איז צאַרטע שוועסטער ניט געוואָרן.

דורך וויפל שוידערלאַכן ווייטאַק,
דורך וויפל פּייניקונג און שענדונג
געבליבן, ברידער, זענט איר טויטע —
מיט פרוי און קינדערלאַך פאַרלענדטע.

איך וועל שוין קיינמאָל דאָס ניט וויסן.
דאָס זענען — סודות, פּחדים־סודות,
וואָס האָט פאַרטראַכט „אַ לאַנד פון וויסן",
וואָס האָט פאַרקלערט אַ פאָלק פון — שדים.

אָ, דייטשלאַנד, מערדער פון מיין אומה,
גערמאַניע, לאַנד פון קינדער־קוילער,
פאַר אומקום פון מיין היים מיין פרומער
פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין לעולם!

פאַר בלוט פון מאַמע מיינער אַלטער,
פאַר פּיין פון מיינע ברידער, שוועסטער
דיין ערד דיין טמא זאָל זיך שפּאַלטן —
פאַרשלינגען דיינע מענטשן־בעסטיעס.

פאַר פּיין פון מיינע זקנים, קינדער,
פאַר שאַנד פון מיינע ריינע טעכטער
דער טויט זאָל פּאַסן פון דיר שינדן,
ניט אויפהערן דיך שניידן, שעכטן.

אָ, אַלע ווײסטע, טויטע פלוכן,
וואָס אין מיין תורה ווו געשריבן, —
זיי זאָלן שטענדיק דיך באַזוכן
און — גראָבן, גראָבן פאַר דיר גריבער!

און זאָלסט אין זיי באַגראָבן ווערן.
און ווערן זאָל פאַרמעקט דיין נאָמען
פון אונטער זון, לבנה, שטערן
אויף אַלע אייביקייטן. אמן!

1945

צו ליטע

עס איז שוין שלום, שלום אויף דער וועלט.
מלחמה־פייער האָט שוין אָפּגעפלאַקערט.
אָנשטאָט צעשטערן בויען זיך מע שטעלט.
אָנשטאָט די שווערדן קלינגען ווידער אַקערס.

און דו, מיין ליטע, ליגסט באַניים באָרוט
ביז אַלע דיינע גרענעצן און ראַנדן;
פאַרטריקנט איז שוין דיין פאַרגאָסן בלוט,
דיין נאַכט די לאַנגע, זי איז שוין פאַרגאַנגען.

עס האָט דאָס לאַנד פון האַמער און פון סערפּ
באַפרייט דיך, ליטע, פון דער סוואַסטיק־חיה;
און פון דיין פרידן פרייד אַצינד איך שעפּ,
און גליקלאַך בין איך, היימלאַנד, מיט דיין פרייהייט.

נאָר ס'איז מיין פרייד איצט אויסגעמישט מיט סם,
און גליק און מיינער — איינגעהילט אין חושך:
עס רוט דאָרט, ליטע, אין דיין ערד־מיין שטאַם, —
אין ברידער־קברים גרוילנדיקע, גרויסע.

עס רוט דאָרט ליטע, אין דיין ערד מיין היים,
מיין היים מיין אָרים, מיין משפחה פרומע;
און כ'האָב שוין מער ניט — ווינד איז מיר און ווי —
צו וועמען דאָרטן, אינדערהיים, צו קומען.

איך האָב שוין דאָרטן קיינעם, קיינעם מער:
עס האָבן רוצחים אַלעמען פאַרטיליקט. —
און ס'גרוילט מיך איצטער, ליטע, פון דיין ערד,
פון שטעטלאַך דיינע, שטעט, ישובים שטילע.

איך האָב דיך, ליטע, יאָרנלאַנג געליבט,
דיך אומגעטראָגן יאָרנלאַנג אין הארצן;
געגערט האָסטו מיין חלום און מיין ליד,
באַהעלט מיך האָסטו אין מיין שעה מיין שוואַרצער.

די טייכן דיינע רחבותדיקע צוויי,
ווויליע, ניעמאַן, — אין מיין היימשטאָט גרינער, —
אין מיין נשמה יאָרן האָבן זיי
מיט זייער פרישער ברויזיקייט געבלינעט.

די בערג און טאָלן דיינע, ליטע־לאַנד,
אין גרינער קאָוונע, — שטאָט פון מיין געבאָרן, —
געוועקט זיי האָבן אין מיין זעל געזאַנג,
געוועקט זיי האָבן תפילות לויטער־קלאָרע.

די פליינען דיינע פלאַכע, שטיל־פאַרטרוימט,
די שטילע דיינע, טרוימערישע ווייטן,
דיין וועג דיין יעדער, דיין איעדער בוים, —
זיי האָבן תמיד אויג מיין אויפגעהייטערט.

כ'האָב גוט געקענט דיך, קליינע היימלאַנד מיין,
כ'האָב אויסגעמאָסטן, ליטע, גאָר דיין שטח;
און ס'איז דיין שיינקייט אין מיין הארץ אַריין,
מיט צאַרטער דיכטונג יאָרן מיך געזעטיקט.

און ביסט מיין לאַנדשאַפט אומעטום געווען.
אין לאַנד אין יעדן, וווּ איך בין געקומען,
האָב איך דיך, ליטע, פאַר מיין בליק געזען,
איז נאָכגעגאַנגען, ליטע, מיר דיין אומעט.

דער אומעט פון דיין יעדן גרויען שליאַך,
פון יעדער דיינער ווייסינקער בעריאָזע;
פון קרומע ווערבעס, ביי אַ טייך, פאַרנאַכט,
באַפאָרבן פון אַ זונפאַרגאַנג אַ ראָזן.

פון גרינע דערפער, איינגעהילט אין שטרוי,
מיט זאַטע כאַטעס, שמעקנדע מיט בלינעס,
מיט קלויסטער־שפּיצן אינעם הימלבלוי,
מיט פויערימלאַך — גלויביקע ליטווינער.

פון גרויע שטעטלאַך, אָרים ליטע־לאַנד,
פון ליבע שטעטלאַך, פולע מיט ליטוואַקעס,
מיט ליטע־יידן — מיר אַזוי באַקאַנט,
מיט מאַמע־לשון קאָרענעם, געשמאַק.

די שטעטלאַך דיינע. הונדערטער אין צאָל.
באַזונדער נאָענט כ'האָב געקענט זיי, ליטע.
באַזוכט איך האָב זיי דאָרטן ניט איין מאָל.
באַזונגען האָב זיי ניט איין מאָל אין לידער.

די שמאָלע געסלאַך און דער ברייטער מאַרק.
די בתי־תפילה, פול מיט דאַוונער־קלאַנגען.
דער בית־הקברות — ווייטלאַך, אויף אַ באַרג,
מיט הייכע הייען דופטנדיק באַהאַנגען.

די גוטע טאַטעס, שטענדיק אינעם יאָך.
די מילדע מאַמעס. קינדער. שניר און איידעמס.
די האַוועדיקע, טומלדיקע וואָך.
דער רוענדיקער, שטילער שבת־קודש.

די ימים־טובים און די טרויער־טעג.
די בריתן, תנאימס, חתונות, בר־מצוה׳ס.
דער גאָרער שטייגער, גאָר דער לעבן־וועג,
וואָס האָט דאָרט, ליטע, טיף אין דיר פאַרקריצט זיך.

דער גאָרער קיום, ליטע, פון דיין ייִד.
זיין שטאַם דער גאָרער, מיט די אַלע פּרות,
וואָס האָט דורך יאָרן הונדערטער געבליט,
וואָס האָט געוואָרצלט אין דיין ערד דאָרט — דורות. —

איך האָב עס אַלעס, היימלאַנד, נאָענט געקענט.
עס איז דאָס אַלעס מיר געוועזן טייער.
וואַרשטאַט און קרעמל און בית־מדרש־ווענט.
דער מוסר־לערנער און דער מאַן דער „פרייער״.

איעדע דיינע, ליטע, ייִד־געשטאַלט,
איעדער פּנים ייִדישער אין ליטע;
איעדער איינער, וואָס פון שול נאָך האַלט,
איעדער איינער, וואָס צום קלוב אים ציט שוין.

ווייס־בלויע יוגנט, פול מיט שאַפונג־דראַנג,
וואָס וויל דאָס אייגן לעבן איבערבויען,
וואָס חלומט פון אַן אייגן העלן לאַנד,
וואָס רייסט זיך פון דעם גלות פון דעם גרויען.

און יוגנט „לינקע״, ברויזנדיק און רויט,
וואָס ליטע־תּפיסות טוט זי אָפּט פאַרפולן,
וואָס פון סאָוועטן אין דער ליטע טרוימט,
וואָס חלומט פון אַלוועלטלאַכער גאולה.

און די פאָלקיסטן. אָנהענגער פון „בונד״.
און פון אַ גאַנץ יאָר, ליטע, דיינע יידן:
דער קאַראַבעלניק און דער שוסטער־יונג,
קצבים, טרעגער, קאָשיק־ווייבער, שמידן;

אַ גרייזע באָבע, וואָס אַ זאָק נאָך שטריקט;
אַ תהילימדיקער, שנייק־סיווער זיידע;
אין וויג אַן עופל, וואָס אַ מאַמע וויגט;
אַ חתן־בחור און אַ כלה־מיידל.

און דו, מיין פרומע, אָרים־שטילע היים,
און איר, די נאָנטסטע, טייערסטע און ליבסטע,
וואָס צוליב אייך איז יעדער שליאַך און פליין
נאָך טייערער געווען מיר אין דער ליטע;

וואָס צוליב אייך איז יעדער ליטע־אָרט
געווען אין האַרצן טיף מיר איינגעבאַקן;
וואָס צוליב אייך איז ליטעס גאָרע וואָר
געווען מיר זיסער, רייציקער, געשמאַקער.

איר האָט מיך אַלע אומעטום באַגלייט,
אין לאַנד אין יעדן זענט איר נאָכגעגאַנגען;
מיט זון מיט העלער וועג מיינעם פאַרשפּרייט,
מיט ליכט מיט בלאַנקן טעג מיינע באַהאַנגען.

מיך אָנגעטרונקען מיט בטחון־וויין,
באַפרישט מיין גוף, באַזאַפטיקט מיין נשמה:
איך בין ניט איינזאַם אין מיין היגן זיין,
צו אייך זיך ווענדן כ'קען פונדאַנען תמיד.

איך בין ניט עלנט אין מיין היגער פרעמד,
מיין וואָרט פאַרטרויען כ'קען אייך נאָך פונדאַנען;
פאַראַן נאָך, וואָס זאָל שטאַרקן מיר די הענט;
דו לעבסט נאָך, ליטע; היים מיין, ביסט פאַראַן נאָך.

איז אָנגעקומען צוואַנציק צווייטער יון,
פון יאָר פון שוואַרצן — ניינצן איין און פערציק. —
פאַרפלייצט דיך, ליטע, האָט דער ווילדער הון,
פאַרשווענקט דיך, היימלאַנד, האָבן ברוינע מערדער.

פאַרפלייצט, פאַרשווענקט דיך, קליינע היימלאַנד מיין,
מיט בלוט פון דיינע אַלטע תושבים — ייִדן;
דיין ערד פאַרטרונקען מיטן ווי און פּיין
פון מיינע שוועסטער און פון מיינע ברידער.

פאַרטיליקט, ליטע, ווו אַ ייִדן־שטאָט,
פאַרניכטעט, היימלאַנד, ווו אַ ייִדן־ישוב;
איעדן אונזער צווייגל אויסגעראָט,
איעדן אונזער וואָרצל אויסגעריסן.

און אינעם הייסן שפּעדיקן שניט,
געקאָסיעט האָבן מיטן דייטש אינאיינעם
די בירגער דיינע — שכנים פונעם ייִד,
ליטווינער שטילע — אַלטע מיינע שכנים.

עס האָט די חיה זיך אין זיי צעשוימט,
די חיה־רעה פון די גרייזע צייטן — —
און בלוטיק שרייט איצט דיין איעדער בוים,
דיין שטיין דיין יעדער בלוטיק, ליטע, שרייט איצט.

און ס׳גרוילט אצינד מיך, ליטע, פון דיין ערד,
וואָס איז געווען מיר טייער לאַנגע יאָרן;
און ס׳איז מיר, ליטע, איצטער מיט דיר שווער;
און פרעמד מיר, היימלאַנד, ביסטו איצט געוואָרן.

אָ, וואָס דערפרייען קען מיך איצט אין דיר,
וואָס גרינגער מאַכן קען איצט מיין נשמה:
די מאַסן־שחיטה לעבן ווילקאָמיר,
די שוידער־שחיטה אין דעם וואַלד פּיוואָנער?

די ערד אוטיאַנער — דריי מעת־לעת געהערט
פון איר זיך האָבן קרעכצנדיקע קולות;
גערירט זי האָט זיך דריי מעת־לעת, די ערד, —
פון יונג און אַלט, באַגראָבן ניט־דערקוילעט?

די קינדערלאַך ביים ברעג פון באַלטיק־ים,
אין פּיאָנערן־לאַגער פון פּאַלאַנגען,
וואָס זענען פון דעם שונאס בליי און פלאַם
אין בראַנדיקע יסורים אויסגעגאַנגען?

די קעלמער מיידלאַך, צניעותדיק און ריין,
געשענדעט פריער, נאָכדעם אויפגעהאַנגען, —
צו פרייד פון גזלן, גיפטיק און געמיין,
באַגלייט פון זיינע שיכורע געזאַנגען?

דער אַלטער שוחט פונעם שטעטל בירזש —
מיט באָרד צום ווײַדל פון אַ פערד געבונדן;
און אַט אַזוי, צום רוצחישן געהירזש,
זיך נאָכגעשלעפּט... געפאַלן טויט... אין וווּנדן?...

די ייִדן־עדה, מאַן און קינד און פרוי,
צונויפגעטריבן אין מײַן היימשטאָט גרינער
אין אַ גאַראַזש, — אויף ווערן אויסגעטויט
סאַדיסטיש־גרויזאַם פון די נאַצי־שפּינען?

דער פּאָרט דער נײַנטער — קאָוונער „טויטן־פּאָרט",
ווו פּופּציק טויזנט זענען אומגעקומען,
ווו פול מיט קברים איז איעדער אָרט,
מיט מאַסן־קברים פון מײַן בידנער אומה?

סלאָבאָדקער געטאָ, פונעם פײַנט פאַרברענט,
מיט אַלע אירע אײַנוווינער אינאײנעם;
געבליבן זענען קוימענס בלויז און ווענט,
געבליבן זענען אַש בלויז און ביינער?

מײַן היים מײַן אָרים — ווײ איז מיר און ווינד, —
וואָס ליגט פאַרשאָטן, ליטע, אין דײַן ערד דאָרט;
די מאַמע, שוועסטער, ברידער, יעדעס קינד, —
צעבראָכט, צעשונדן, היימלאַנד, פון די מערדער?

עס זענען ערדן דײַנע, ליטע־לאַנד,
ביז ראַנד פאַרגאָסן מיט מײַן בלוט אַצינדער;
און מיט די טמא דײַטשן האַנט־בײַ־האַנט
געקוילעט האָבן, ליטע, דײַנע קינדער.

און אין די דערפֿער דיינע ליגט דאָס גוטס
פֿון מיינע וויסטע, חושכדיקע געטאָס;
די שיך און בגדים, אויסגעשמירט אין בלוט
פֿון מיינע באָבעס, זיידעס, מומעס, פֿעטערס.

און ס'גרווילט מיך, ליטע, ווען איך טו א טראַכט
פֿון יעדן דיינעם וועג און פֿעלד און ישוב:
אויף פֿליין אויף יעדן, אויף איעדן שליאַך
מיין בלוט, ווי וואַסער, האָט געטאָן דאָרט פֿליסן.

און ס'גרווילט מיך, ליטע, ווען איך טו א קלער
פֿון יעדן דיינעם פֿלאַקסענעם ליטווינער:
קען זיין, מיין מאַמען האָט דערמאָרדעט ע ר,
קען זיין, מיין היים האָט ע ר מיט טויט פֿאַרכלינעט.

און ס'איז מיין פֿרייד איצט, ליטע, מיט דיין פֿריד
מיט גיפֿט פֿאַרמישט, מיט ביטערניש און טרויער;
און ס 'איז מיין גליק איצט, ליטע, מיט דיין בליט
אין נאַכט פֿאַרקלעמט, אין פֿינצטערניש פֿאַרמויערט — — — —

עס איז שוין שלום, שלום אויף דער וועלט.
מלחמה־פֿייער האָט שוין אָפּגעפֿלאַקערט.
נאָר פֿול אין שניטן, ליטע, איז מיין זעל
און האַרץ מיינס, היימלאַנד, — בלוטיק דורכגעאַקערט.

1945

ליטע מיין היימלאַנד

ראַיע'ן

ליטע מיין היימלאַנד, געוויקלט אין גרויען,
זאַמדיקע שליאַכן דורך מאָגערע פּליינען,
ווערבעס ביים וואַסער, געהאָרבעט אין טרויער,
קראָעשע קלאַנגען און ווינטן־געוויינען.

ליטע מיין היימלאַנד, מיין גרויע, מיין שטילע,
לירישער אומעט אויף אַלע ארומען,
דערפֿלאַך מיט קלויסטערס, אין גלאָקישער תפילה,
שטעטלאַך מיט שולן, אין דאַוונען אין פרומען.

שטילע ישובים, ליטווינער און יידן,
קרעמער און שוסטער און זייער און שניטער;
ס'לעבן די תושבים פון ליטע אין פרידן,
ס'לעבן אין שלום די שכנים פון ליטע.

כ'קען זיי, געדענק זיי פון יאָרן בארוטע.
כ'האָב דאָן, מיין היימלאַנד, געמאָסטן דיין באָדן.
זומער — אין גראָזן אין הייכע געקוטעט,
ווינטער — מיט שנייען מיט טיפע באַלאָדן.

ערדן באַקאַנטע, פון ניעמאַן ביז באַלטיק,
פון דער ווילִיע ביז גרענעץ פון פּרייסן;
קרעפּטיקע דעמבעס, באוואַקסן מיט אַלטקייט,
דינע בעריאָזעס, מיט העלזער מיט ווייסע.

אָזערעס, וועלדער און פעלדער און פלאַכע,
איינזאַמע יאָדלעס, אין מאָך און לישייעס;
וועגן געדרייטע, מיט צלמים באַוואַכטע; —
היימישע לאַנדשאַפט, ביז ווייטאָק מיר טייער.

ס׳האָבן מיך וועגן צו ווייטן געטראָגן,
כ׳האָב מיט די וועגן דיברייטן געשניטן;
כ׳האָב זיך קיין סימנע געוויגט אויף אַ וואָגן,
כ׳האָב זיך קיין מערעץ געגליטשט אויף אַ שליטן.

ס׳האָבן געקענט מיך קיידאַן און קרעטינגען,
שקוד האָט געזען מיך אין טרוקן און בלאָטע;
ניישטאָט איז נאָנט מיר, ווי אייגענע פינגער,
קעלם ניט איינמאָל מיין פוס האָט באַטראָטן.

שטעטאַלאַך ליבע, מיט געסלאַך און גאַסן,
שטיבלאַך און קלייטן, וואַרשטאַטן און קלויזן;
אויף די יאַרידן די טאַטעס עס רעשן,
אין די חדרים די קינדער עס ברויזן.

תורה און האַנדל און מי און מלאכה,
חתונות, בריתן, געבורטן און טויטן;
ס׳ציט זיך אַ שטייגער דורך טעג און דורך וואָכן,
שפינט זיך דורך יאָרן, דורך דורות זיך קייטלט.

ליכטיקע דורות אין טונקעלער ליטע,
גרויינקע באָבעם אויף גרינע בית־עלמינס;
כ׳האָב זיי געטראָפן אין טעלז און אַליטע,
כ׳האָב זיי באַגעגנט אין בירזש און ווירבאַלן.

אַלץ איז געווען אין שטעטל מיר טייער,
אַלץ, וואָס פאַרגאַנגען און אַלץ, וואָס געשעט נאָך,
גליווער פון קברים, פון לעבן דאָס פייער,
מערער נאָך טייער — די יוגנט פון שטעטל.

יוגנט, וואָס חלומט פון וועלטן באַנייטע,
יוגנט, וואָס רייסט זיך צו שאַפן, צו בויען;
טוט אָט־די יוגנט אַ שווים־אָן ־פונוויטן,
גייט אין מיין האַרץ אויף אַ שמחה אַ בלויע.

ס׳פלעגט אין אַ שטעטל מיך ברענגען אַ פורל,
האָבן זיך בליקן צעשיינט און צעפינקלט:
פול דער לאָקאַל איז מיט מיידן, בחורים,
וויבערט און כוואַליעט פון ווינקל ביז ווינקל.

ציט זיך אַ שמועס אַ וואַרעמער, לאַנגער,
לויפן די שעהן אין רייד אין אינטימע,
נאָכדעם קאַרטאָפל מיט הערינג דערלאַנגט מען
און — מיט ניגונים צעלאָזן זיך שטימען.

הילכן די קולות, פאַרהילכן דאָס שטעטל,
טוען צו הימלען צו גראַמע זיך הויבן,
זינגט מען דורך שעהן דורך נאַכטישע, שפּעטע,
ביז אַ באַגינען בליט אויף אין די שויבן.

גייט מען אַצינדער באַגלייטן דעם אורח,
שטייט אַ וואָקזאַלכל אין פעלדער פאַרלאָרן,
טאַנצט מען צולעצט דאָ אַ היציקע הוירא,
רעדערט די באַן אָן און — ווייטער געפאָרן!

ווייטער! דורך פליינען פארטאַגיקע, פרישע.
ווייטער! דורך וועלדלאַך אין טויען אין ראָזע.
בלויליאַך און גאָלדיק אַ טייכל טוט פליסן.
לופטיק און דופטיק אַ ווינטל טוט בלאָזן.

איילן זיך פעלדער און טאָלן און זומפּן,
ווייזט זיך אַ פולווארק, אַ ווינטמיל עס פאָכעט;
און אויף אַ לאָנקע, באַלייוונט, באַקלומפּעט,
גייט נאָך אַ פויער נאָך פערדל און סאָכע.

יאָגן זיך כאַטעס און סעדלאַך צעגרינטע,
לויפן נאָך סלופעס און קוסטעס אוןביימער;
און אויף אַ בערגל אַ שיקסל, אַ הינטל
פּאַשען צוזאַמען אַ סטאַדע בהמות.

פליט אָן אַ דערפל מיט הייזלאַך מיט גרייזע,
העלן אין חלל די קלויסטער־קופּאָלן;
און ביים אַריינפאָר, אין פארטוכל ווייסן,
ווייזט זיינע וואונדן מיין ברודער פון גליל.

טראָגט זיך די באַן אַלץ אויף ליטווישע ערדן,
רעדערט און רודערט אין שטאָלענעם אָנטאָן. —
זיץ איך ביים פענצטער אַ ליריש פארקלערטער,
זאַפּ איין די לאַנדשאַפט די היימישע, נאָנטע.

רעדערט די באַן אַלץ די שטרעקעס פון ליטע,
טוט אָפט איינלופטן אַ רויכיקן וואָיע. —
זיץ איך און זינג מיר צום רעדערשן ריטם:
ליטע מיין היימלאַנד, מיין שטילע, מיין גרויע.

ליטע מיין היימלאַנד... פון יאָרן פון יענע...
לאַנגשוין פאַרגאַנגען, פאַרשוומען, פאַרשוונדן.
ליטע מיין היימלאַנד — אין נאַצי־גיהנום,
חרוב ומוחרב, צעהאַקט און צעשונדן.

פעלדער — פון טאַנקען פון שווערע צעאַקערט,
דערפער — צעשאָסן פון שווערע קאַנאָנען,
שטעטלאַך — געוויקלט אין רויך און אין פלאַקער,
יידן אין שטעטלאַך — אין קלעם פון די שונאים.

פאַלן, ווי זאַנגען פון האַנט פון דעם שניטער,
גאַנצע געמיינדעס מיט ליטווישע יידן;
ווערן, ווי שעפסן, געטריבן צו שחיטה
טאַטעס און מאַמעס און שוועסטער און ברידער.

הענגט אויף אַ סאָסנע אַ בערדיקער טאַטע,
הוידעט אין ווינט אום דעם גוף דעם פאַרשטאַרטן;
פליען אָן ראָבן אין שוואַרצן געפלאַטער,
פּיקן די אויגן מיט שנאָבלען מיט האַרטע.

איילט ווו אַ מאַמע מיט קינד זיך באַהאַלטן,
איילט זיך דורך געסלאַך אין קנויליקע פלאַמען, —
פאַקן זי חיות אין מענטשן־געשטאַלטן,
שענדן און טויטן מיט קינד אירם צוזאַמען.

בערגלען זיך פליינען פון ליטע מיט מתים,
קרעמער און שוסטער, רבנים און שמידן;
פרעסן זיך הינט אָן מיט יידישע פליישן,
בלייבט נאָך שיריים — אַ קאָפּ פון אַ יידן.

איז די ווילִיע די בלויע א רויטע,
בלוטיק באַפאַרבן — דער ניעמאַן דער ווייסער;
שווימען פון קאָוונע, פון יאַנעווע טויטע,
שווימען, ווי פליטן, קיין יורבורג, קיין פרייסן.

פינצטערן געטאָס, באַהיטע פון הונען,
שלייכן אום שאָטנס אין לאַטעס אין געלע;
לויערט אויף יעדן א מיתה־משונה:
שווערדן און קוילן און גאַזיקע צעלן.

צאַנקען קהילות אין הונגער, אין טיפוס,
פאָנעוועזש, שאַוול, סלאָבאַדקע, גודלעווע;
ווערן די קברים געגראָבן וואָס טיפער —
קברים פאַר מאַסן, פאַר טויזנטער לעבנס.

זע איך מיין היימלאַנד פאַרלענדט און פאַרניכטעט,
חורבות און קברים מיט אַשן באַצויגן, —
שעם איך זיך לעבן און עסן און דיכטן,
שעם איך זיך קוקן דער זון אין די אויגן.

האָב איך קיין רו ניט, קיין נאַכט און קיין טאָג ניט,
ווער איך פון גרוילן פון וויסטע געפייניקט,
ריטמט אָן אויפהער מיין האַרץ אוים א קלאָגן,
רייסט א געשריי זיך פון האַרצן פון מיינעם:

— ליטע מיין היימלאַנד! א פלוך צו די מערדער.
פינצטערן אייביק עס זאָל זייער גורל.
וואָגלען זיי זאָלן, ווי קין, דורך ערדן
בלוטיק באַצייכנט — עד סוף כל הדורות!

1943

II

מיטן חבר אברהם איבערן „ליטווישן גליל"

פון יוגנט פון ווייטער, פון יוגנט פון שיינער
שווימט אָנעט, באַווייזט זיך אַ ליכטיקער פרילינג;
אַ פרילינג אין ליטע, אויף ליטווישע פּליינען,
אין געגנט פון באַלטיק, אין קאַנט אינעם שטילן.

אַ ליכטיקער פרילינג, צעווישן חלוצים,
צעברויזטע מיט אַרבעט, צערוישטע מיט לידער;
אַ ליטווישער פרילינג, מיט ליטווישע קבוצות —
צוועלף קבוצות, ווי שבטים ווי צוועלף אינעם מדבר.

צו קבוצות צו די־אַ — דער „ליטווישער גליל" —
איך בין דאָן געפּאָרן אַ חבר פאַרבייטן:
דעם חבר אברהם, דעם לערער פון גליל,
וואָס איז שוין אַן עולה, פאַר „ארץ" שוין צייטיק.

און ס'האָט שוין אברהם געוואָרט אויף מיין קומען:
געיילט זיך וואָס שנעלער פאַרלאָזן דעם גלות;
און באַלד נאָך מיין קומען מיך פירן גענומען
באַקענען מיט קבוצות מיט אַלע אין גליל.

און אָט איז אַ זונטיק, אַ גלילשער זונטיק.
מיר שפּאַנען פון מעמל, פון הויז פון החלוץ.
און דרויסן צעבליט איז, און דרויסן צעזונט איז.
און גרינג — דער אַרויסמאַרש דער ערשטער אין גליל.

דער חבר אברהם, אַ הויכער, אַ דאַרער,
מיט ברילן אויף אויגן אויף קאַרע, פאַרקלערטע,
ער שפּאַנט און דערציילט מיר פון הי און פון „ארץ״,
און ברומט זיך דערביי צו אַ ניגון אָן ווערטער.

און איך הער זיך איינעט. און אויגן און מיינע.
זיי הערן ניט אויפעט, פאַרגאַפטע, צו שלינגען
די רוימען די גראָמע, די ווייטן, וואָס שיינען,
די פעלדער, צעגרינטע מיט גראָזיקע צינגער.

ס׳איז אַלעס מיר ניי דאָ — די הייכן, די ברייטן,
די טרעלן פון פייגל, דאָס זשומען פון בינען,
די ווינטלאַך די לינדע, די פאַרביקע קווייטן,
פון הייען און זאַנגען די דופטן די דינע.

און ס׳וויקלט אין זונליכט אַ שליאַך זיך אַ גלאַטער,
אַ שליאַך אַ באַוואַכטער פון זייטן פוןביידע
מיט קליאָנען און ליפּעס אין בלעטער־געפּלאַטער,
מיט ביימער פון עפּל אין צוויטיקע קליידער.

און מיר אויף אים שפּאַנען. און חבר אברהם,
ער רעדט אַלץ, דערציילט אַלץ און ברומט זיך זיין ניגון;
און ס׳קייטלען זיך שעהן, צעלויכטענע שעהן,
וואָס טוען מיט טרוימען מיין זעלע באַפליגלען.

איך בין דאָ געקומען — אַ חלוץ אַ יונגער —
פון שטאָטישער ענגשאַפט, פון אָרעמע גאַסן,
פון זאָרגן פון גרויע, פון נויט און פון הונגער,
פון שטייניקן באָדן, פון הימלען פון בלאַסע.

געקומען מיין לעבן מיין מידן באַנייען,
מיין יידישן גורל מיין שווערן פאַרבינדן
מיט גלילשער יוגנט, מיט בראַווער, מיט פרייער
און בריקן און אַלע אהינטער זיך — צינדן.

און ס'קוועלט אָן אין הארצן אַ פרייד אַזאַ גרויסע.
און ס'ווילט זיך וואָס גיכער דעם גליל שוין קענען,
די קבוצות די אַלע, מיט חברה וואָס רויִשן
און — געבן מיין מי זיי, מיין לערערשן ברענען.

און — כ'ווער אומגעדולדיק... נאָר אָט, פונדערווייטן,
אַ נחלה דערנענט זיך, אַ היפּשער מאַיאָנטעק;
מיט יוסטע בנינים, באַפּאַרקנט גאָר לייטיש,
מיט ערדן אַרום זיי — אין פרילינגשן אָנטאָן.

— אַ יעקישער פּאָלוואַרק. ער רופט זיך לומפּענען. —
דערקלערט מיר אברהם. — דאָ אַרבעט אַ קבוצה.
דו זעסט דאָרט די מענטשן, אין טאַלכל אין יענעם,
זיי טוען דאָרט עפּעס, — דאָס זענען חלוצים.

און אָט איז די קבוצה. אַ שטיבל אַ קליינינק.
צוויי צימערלאַך — ברעקלאַך. אַ פּיצינקע קיכל.
גאַרדינען אויף פענצטער. געלענערס גאָר ריינע.
אַ טיש, אַ פּאָר בענקלאַך, אַ שראַנקל מיט ביכער.

און ס'נעמט אונז דאָ אויפעט די חברטע שרה —
אַ ברייטע בחורה, מיט אברים מיט שווערע;
זי שטייט ביי דער פּליטע, מיט טעפּלאַך זיך פּאָרעט,
זי גרייט פאַר דער חברה „ארוחת הערב".

און חברה פאַרענדיקט די פרילינגשע אַרבעט,
אין פעלד און אין גאָרטן, ביים פלאַנצן און זייען;
און טאָג און צעזונטער, ער האַלט שוין ביים שטאַרבן,
די שטראַלן די לעצטע אין מערב פאַרגייען.

און אָט זיך דערטראָגן געזאַנגיקע קולות,
אַ קלאַפּן פון קלומפּעס, אַ טופּן פון שטיוול,
און ס'רייסט זיך די טיר אויף און יוגנט אַן עולם,
ער טוט, אַ פאַרשייטער, זיך שטויסן אין שטיבל.

פאַרברוינטע בחורות, פון פראַצע פאַרשוויצטע,
בחורים מיט פּלייצעס — אַ וואַנט פון אַ מויער;
און ליפּן — צעשמייכלט, און בליקן — צעבליצטע,
און ס'אָטעמט פון יעדן מיט שטאָל און מיט רויערד.

זיי טוען צום ערשטן זיך זייפן, זיך וואַשן,
און דלאָניעס און האַרטע זיי שטעקן מיר נאָכדעם,
און רופן אוים נעמען: צפורה און בתיה,
עזריאל און ברוך, דניאל און נחום.

און חברטע שרה, זי טראָגט שוין פּאַטראַוועס
צום טיש צום געגרייטן, באַשטעלטן מיט טעלער;
און עולם צום עסן זיך נעמט מיט התלהבות;
און ס'וועקט אויך אין מיר זיך צום עסן אַ וועלער.

און כ'זיץ שוין אינמיטן און קיי מיט התמדה
„כדורים" געשמאַקע און — קוק מיט התפעלות,
ווי ס'ווערן די טעלער אַלץ מער אויסגעלאָדן,
ווי ס'לויפן די לעפל אַלץ פלינקער צו מיילער.

און חברטע שרה דערלאַנגט שוין „הוספות״,
און עולם, ער רייבט אַלץ אויף באַקן אויף ביידע;
אַזוי — ביז די סעודה די זאַטע צום סוף איז,
און ס׳ווערט פון די כלים דער טיש אָפּגעליידיקט.

און ס׳נעמט זיך אברהם גאָר ערנסט אַצינדער
צו גייסטיקע שפּייזן — צום וואָרט און צום שמועס;
און אַלע חלוצים, ווי פֿאָלגיקע קינדער, —
זיי בליקן צום לערער און הערן זיי טוען.

און ס׳ציט זיך דער שמועס אַ שעה און אַ צווייטע,
און חבר אברהם צעברענט זיך אַלץ מערער;
און חברה, מיט אויגן און אויערן גרייטע, —
זיי שלינגען די ווערטער, זיי טוען אַלץ הערן.

נאָר אָט איז דער שמועס דער הייסער געשלאָסן
און צאַרט און פאַרחלומט אַ זמר פאַרציט ווער,
און האַרץ מיינט, עס טוט זיך מיט תענוג אַ גאָס־אָן,
און ס׳נעמט מיך אַרומעט אַ פריידיקער ציטער.

און — זינגען איך העלף שוין, און אַלע שוין זינגען,
און ס׳טוט זיך דער עולם אַלץ מערער צעברענען,
און ס׳טוט שוין די קבוצה די קליינינקע קלינגען
ביז אָנקום פון מיט־נאַכט, ביז קרייען פון הענער.

דאַן בעט מען זיך אויסעט. מע לעשט אוים דאָס פייער.
און ס׳נעמט זיך אַ שנאָרכן צעטראָגן פון בעטן — —
און ס׳וועקט מיך פון שלאָף אויף אַ מאָרגן אַ נייער.
און קבוצהשער זייגער באַווייזט מיר: שוין שפּעט איז.

שוין אַרבעטן אַלע. ניטאָ דאָ שוין קיינער.
בלויז איך און אברהם, און חברטע שרה.
און שטיל איז אַצינדער אין שטיבל אין קליינעם.
און ס׳בליקט אין די שויבן אַ טאָג אַזאַ קלאָרער.

און חבר אברהם, ער וואַרט שוין אויף פרישטיק
און — הייסט מיר זיך אָנטאָן: מ׳עט עסן צוזאַמען.
און באַלד נאָכן פרישטיק, אַ מאָרגנדיק פרישער,
ער ווענדעט צו מיר זיך: נו, יצחק, מיר שפּאַנען!

און ווידער מיר מעסטן אַ שליאַך אַ צעזונטן,
און ווידער מיר שניידן צעפּרילינגטע ברייטן,
און חבר אברהם, ער זמרט זיך אונטער,
און — ס׳ווינקט שוין פונווייטן אַ קבוצה אַ צווייטע.

דער בית החלוץ

מעמל, שטאָטביים ברעג פון באַלטיק,
שיינע, שטילע האַפן־שטאָט,
דורך די גאַסן דיינע אַלטע
טרעט אויפסניי מיין יונגער טראָט

צו אַ געסל צו אַ גרויען
(שלאַבטערשטראַסע נומער זעקס),
וווּ אַ מויער אַ וויים־בלויער
הויערט רחבותדיק צעשטרעקט.

ס׳איז דער מויער שטאַרק מיר טייער,
ס׳איז דער מויער מיר אַ פרייד:
ס׳האָט אין אים געברענט דאָס פייער
פון מיין חלום יונגערהייט.

בית החלוץ — פונעם מויער
ליובטן גרויסע ווערטער צוויי;
און אין האַרצן, און אין מוח
טוט מיט העלע טעג אַ וויי.

קום, זכרון, טו מיך פירן
דורך דעם מויערס לענג און ברייט —
איך זאָל ווידער היינט דערשפירן
יענע ווייטע יוגנט־פרייד.

אָט אַ צימער איז דאָ איינער
מיט אַ לאָזונג אויף אַ וואַנט:
העבודה היא חיינו —
ווערטער, נאָנט מיר, ווי מיין האַנט.

אָט אַ צימער איז אַ צווייטער —
הענגען ליבע בילדער דאָ:
ברענער מיט אַ באָרד אַ ברייטער,
א. ד. גאָרדאָן, טרומפּעלדאָר.

אָט אַ צימער איז אַ דריטער —
שטייען בעטן אין אַ ריי;
קבוצניקעס יונג־צעבליטע
שלאָפן, רוען אָפּ אין זיי.

אָט די קיך איז. אַ חלוצה
גרייט דאָ עסן, קאָכט און באַקט;
קומט אַ גאַסט אָן פון אַ קבוצה,
איז דאָס עסן אים געשמאַק.

שטייט ער דאָ, דער בית החלוץ
(בנין פון אַ נייער וועלט), —
צענטער פונעם גאָרן „גליל״,
פון די קבוצות אַלע צוועלף.

קומט אַ שבת, קומט אַ יום טוב,
ציען חברה זיך צו אים:
אויסגעצוואָגן, ריין דאָס אָנטאָן
און סע גייט זיך אַזוי גרינג.

ס'ליגן פראַצע־טעג אַהינטער,
אינעם גאָרטן, אויפן פעלד;
אונטער זון, אין רעגנס, ווינטן,
אין חמימות, נעץ און קעלט.

האַרבע מי, מיט שוויים פאַרבלינעט,
ביי די קי און ביי די פערד,
ביי די גאָרטן־בייטן גרינע,
ביי דער קאָרנדיקער ערד.

היינט אָבער — אַ טאָג אַ פרייער,
פריי פאַר רו, פאַר ליד און טאַנץ,
פריי פאַר שמועסן פאַר נייע
אין אַ חברישן קראַנץ.

שפּאַנט מען איבער די שאָסייען
פון די קבוצות אַלע צוועלף;
ציען דורך דער שטאָט זיך גייער
צו דער בית החלוץ־שוועל.

קוקט זיי אָן מיט בליקן — חלום —
די פאַרשלאָפן־שטילע שטאָט;
הערט פונוויטן דער בית החלוץ
זייער מונטערדיקן טראָט.

ווערט דאָ פול איעדער צימער
מיט געטומל און געברויז;
הילכן יוגנטלאַכע שטימען,
ווו אַ ווינקל אינעם הויז.

שיינען אויגן שווארצע, בלויע,
אָנגעגאָלדיקטע מיט זון,
טראָגט פון יעדערן מיט רויערד,
טראָגט מיט וואָרצלדיקן גרונט.

שמעקט דער גאָרער בית החלוץ
מיטן ריח פונעם פעלד;
איז שוין דאָ דער גאַנצער „גליל",
אַלע קבוצות אַלע צוועלף.

דריי איך אום זיך צווישן עולם
און מיט ליבע אים באַטראַכט:
סאַראַ יונגען סאַראַ ווילע!
און די בחורטעס — אַ פּראַכט!

נעם איך זיך צו אַ פאַרזאַמלונג,
צו אַ שמועס, רעפעראַט;
זיצט מען אַלע שוין צוזאַמען,
איז „אַקטיוו" איעדער יאַט.

ציט זיך שעהן אַ דיסקוסיע,
קנוילט זיך פּאַפּיראָסן־רויך,
רעדט ווער ערנסט, זאָגט ווער שטותן,
כאַפּט שוין ווער אַ דרעמל אויך.

נעמט שוין טונקלען דער אינדרויסן,
ווערט שוין גרוי דער מערב־ברעג, —
לאָזן חברה היציק־רוישיק
אין אַ הוירא זיך אוועק.

דרייט אַ ראָד זיך אינעם מויער,
דרייט זיך באַלד אַ צווייטע ראָד;
טוט אַן אָוונט שוין אַ בלויער
טריפן שטערנדיקן סוד.

פינקלען אין די פענצטער שטערן,
זאָגן אָן: עס איז שוין נאַכט;
ווייל זיי אָבער קיינער הערן —
וואָס מיר נאַכט און ווער מיר נאַכט!

גילו, גילו, הגלילים
און — עס טופען יונגע פיס — — — —
נאָכדעם זינגט מען לידער שטילע,
פערזן צאַרטע, .שורות — זיס:

הכניסיני תחת כנפך...
יד ענוגה היתה לה...
און מע קלערט אַלץ ניט פון שלאָפן —
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה — — —

ביז עס בליט אויף דער באַגינען —
ראָז און רויט און גאָלדיק־העל,
און פון ביימער און פון גרינע
נעמען טריפן טרעל נאָך טרעל. —

מעמל, שטאָט ביים ברעג פון באַלטיק,
שיינע, שטילע האפן־שטאָט,
דורך די גאַסן דיינע אַלטע
טרעט אויפסניי מיין יונגער טראָט

צו אַ געסל צו אַ גרויען
(שלאַכטערשטראַסע נומער זעקס),
וווּ אַ מויער אַ ווייס־בלויער
הויערט רחבותדיק צעשטרעקט.

חביבה

לופטיק, ווי פייגלשע קלאַנגען,
זויבער, ווי ביימערשער צווייט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף;
בליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

פרילינג אין יאָר זעקס און צוואַנציק,
פעלדער ביים באַלטישן ים;
קבוצות דאָ זייען, דאָ פלאַנצן, —
גליל פון ליטווישן לאַנד.

שפאַן איך פון קבוצה צו קבוצה —
לערער, פון מרכז געשיקט.
שפילט זיך די זון — אַ חלוצה —
גאָלדיק־פאַרשייט מיט מיין בליק.

קום איך אין „קבוצת שאָטעלן”,
טרעף איך די חברה ביים טיש
קלאַפּן מיט לעפל און טעלער, —
זעץ איך זיך צו און — געניס.

קום איך אין „קבוצת קאַלאַטן”,
אָוונט, נאָך שווייסיקן טאָג, —
האַלט איך אַ פאָרטראָג פאַר יאַטן,
שמועס פון לעבן אין „טאָל”.

קום איך אין „קבוצת עקיטן",
זינגט מען דאָ לידער, מע טאַנצט,
פאַנגט מיך אַ פריידיקער ציטער, —
וואַרף איך אַריין זיך אין קראַנץ.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
קום איך אין „מעדיקן" אָן,
אַרבעט אַדאָ אַ חלוצה —
רייציק, ווי בליונג פון מאָן.

מ׳רופט זי חביבה — אַ נאָמען,
זומערדיק, זאַנגעדיק, זיס;
זע איך זי, ווערט מיין נשמה
טוייק און קוואַליק באַפרישט.

„ילדה" איך רוף זי, די שיינע,
זעכצן זי איז נאָך ניט אַלט;
אַרבעט — אַ וויכער אויף פליינען,
אַרבעט — אַ שטורעם אין וואַלד.

יאָגט אויף אַ פערד אום — אַ קאָזאַק,
מעלקט די בהמות געניט,
פּאָכט מיט דער בליציקער קאָסע
פלינקער פון אַלע ביים שניט.

פירט אויך אַ טראַקטאָר אַ שווערן,
לאָדעוועט וועגענער היי.
קיינזאַך דער שיינער ניט שווער איז,
טוט אַלץ — צו קוקן אַ פרייד.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
טראַכט פון חביבהן גאָר אָפּט;
ס'ציט מיך צו דער־אַ חלוצה,
כ'זע אָפּט איר פּנים אין שלאָף . . .

קום איך אין „מעדיקון" איינמאָל —
טרעף איך חביבהן אין קיך;
טעפּלאַך זי שייערט, זי רייניקט,
קאָכט אַ חלוציש געריכט.

עסט אָפּ אויפשנעל די חבריאָ
(ס'וואַרט איצטער אַרבעט אָן שיעור), —
ווערט זי, חביבה, אַ פרייע,
מאַכט זי מיט מיר אַ שפּאַציר.

שפּאַנען מיר יונגע און גרינגע,
אויגן, מיט פרילינג צעשטראַלט;
ברענגען אונז פעלדער צעגרינטע
אין אַ צעבלעטערטן וואַלד.

נעמט אונז דער וואַלד אויף צעשאָטנט
און מיט אַ מילדן גערויש;
זעצט זיך חביבה אין שאָטן,
לייג איך מיין קאָפּ אין איר שויס.

קעמט זי און קרייזלט מיט פינגער
צאַרט מיין צעפּאַטלטן קאָפּ;
טוט מיר אַ ניגונדל זינגען
מיט אַ חלוצישן טראָפּ.

טרוימען מיר נאָכדעם צוזאַמען
פון דעם צעזוניקטן לאַנד —
ווייט דאָרט, אַהינטער די ימען, —
נאָענט, ווי אייגענע האַנט...

רוימט זי אַ סוד מיר אַריינעט:
— דאָרטן מיין „חבר" וועסט זיין. —
פליסטער איך: ילדה דו מיינע,
קינפּטיקע „חברטע" מיין! — — — —

וואָכן פאַרגאַנגען, חדשים,
פרילינג און זומער אַוועק,
פאַרבט שוין די ביימער דער אָסיען,
לאָזט זיך אַ כאַפּטע אין וועג.

עולים. חביבה — זי אויכעט,
פול מיט חלוצישן דראַנג,
גרייט מיט חלוצישע כוחות
בויען דאָס טייערע לאַנד.

גיי איך די עולים באַגלייטן,
פיל איך אין האַרצן אַ ווײ:
כ'בין פאַר אַן עולה ניט גרייט נאָך,
כ'קען נאָך ניט פאָרן, ווי זיי.

שטרעקן מיר הענט אויס די ליבע,
דריקט מיר חביבה די האַנט:
— זכור את הילדה חביבה! — — —
און עס צעפּייפט זיך די באַן — — —

יאָרן פון דאַן אָן פאַרגאַנגען.
אַנדערש מיין וועג איז אַוועק.
ס׳האָט מיך די מוזע געפאַנגען,
דאָרט, אויפן היימישן ברעג.

האָט מיך באַהאָנגען מיט לידער,
האָט מיט פּאָעמעס באַשווערט . . .
האָט מיך צעשיידט מיט דער ליבער,
האָט מיך פאַרטראָגן אַהער,

פלאָגט זיך מיין לייב אין דער קעלט דאָ,
חלומט פון זונלאַנד מיין זעל;
חלומט פון עמק צעהעלטן,
טרוימט פון חביבהס געצעלט.

און אין די נעכט אין די טיפע,
וואַך, פון דער מוזעס באַריר, —
„זכור את הילדה חביבה״
קלינגט אָפט אין אויער ביי מיר.

ילדה! איך האָב ניט פאַרגעסן.
ס׳לויכט אין מיין בליק דיין געשטאַלט.
ס׳פרילינגט אַדאָ אין מיין אָסיען
יענער צעבלעטערטער וואַלד.

ס׳זומערן דאָ אין מיין ווינטער
יענע חלוצישע טעג,
דאָרט, אויף די פעלדער צעגרינטע,
דאָרט, ביי דעם באַלטישן ברעג.

לופטיק, ווי פייגלשע קלאנגען,
זויבער, ווי ביימערשער צוויט,
גייט אין מיין זעל א געזאנג אויף,
בליט אין מיין הארץ אויף א ליד.

דער יאַקינער גדוד

יהודה הירשין — אַ מתנה

ווי ליכטיקע אינזלען צעבליטע
(אין וואַסערן וויסטע פון גלות),
געפּרילינגט עס האָבן אין ליטע
צוועלף קבוצות — אַ ליטווישער גליל.

כ'האָב אַלע זיי גאָענט געקענט דאָרט:
בין גלילשער לערער געוועזן,
פון קבוצה צו קבוצה געוואַנדערט,
פאַר חברה גערעדט און געלעזן; —

איז וויל איך אין שורות אין קורצע
(אויף וויפל איך וועל עס נאָר קענען)
דערציילן פון איינער אַ קבוצה
אין ליטווישן גליל אין יענעם.

„דער יאַקינער גדוד" איז איר נאָמען.
אַ חברה — צו זיין זיי מקנא:
בחורים, ווי קרעפטיקע קליאָנען,
בחורות, ווי זאַפטיקע טאַנען.

געאַרבעט עס האָט דאָ יהודה.
געווען אַפּריער אַ שוסטער.
און איצטער — דער ערשטער אין גדוד דאָ :
„שפּאַנאָק” ביי די יאַקינער סוסים.

געאַרבעט עס האָט דאָ בצלאל.
געווען אַפּריער אַ בערשטער
און איצטער — אַ מוסטער פאַר אַלע
ביים זייען דעם יאַקינער גערשטן.

און פּייווע, דער גלילשער „זיידע”, —
א בחור אַן אַלטער, אַ שטילער;
אַ נעם־טאָן אין הענט זיינע ביידע
צוויי זעקלאַך מיט תבואה — אַ שפּיל איז.

און יאַנקל און אַרקע און שלמה,
חלוצים מיט אייזערנע נאַקנס, —
די פלינקסטע ביים האַקן די ביימער
אין וואַלד ביי דעם פּריץ פון יאַקן.

און רבקה און עלקע און אסתר
(מען רופט זיי אין גליל „די גראַציעס”) —
אין קיך און אין קי־שטאַל די בעסטע,
די בעסטע ביי יעדן סאָרט פּראַצע.

און אַלע אין יאַקינער קבוצה —
די העכסטע און שטאַרקסטע אין גליל. —
האָט טאַקע פון זיינע חלוצים
דער פּריץ פון יאַקן געקוואַלן :

— א קליניקייט — זיינע חלוצים:
אזעלכע איז שווער צו געפינען;
אָט בלויז מיט אזעלכענע קבוצות
זיך אויפבויען וועט פּאַלעסטינע!...

און ס'האָט אויך דער גליל געגרויסט זיך:
— איר שפּילט זיך מיט יאקינער עולם:
ער גייט מיט די קאָסעס ארויסעט,
איז ווערט פון א פעלד — א בית־עולם!...

היינט קענען די גדודניקעס עסן —
ווי „לאנדקנעכט", ווי פּויערים עכטע;
דער יינגסטער אין קבוצה — בלויז העסקע
„כדורים" א דרייסיק צערעכט מאַכט...

היינט קענען די גדודניקעס זינגען.
צו הערן זיי — יעדער איז קאָנטעט;
פון זייער א ניגון טוט קלינגען
דער יאקינער גאָרער מאַיאָנטעק.

און טאנצן א הורא זיי קענען.
און פירן דיסקוסיעס צעהיצטע
(די אויגן מיט לײדנשאפט ברענען,
די מיילער, זיי בלענדן מיט בליצן). —

איז יאקינער גדוד א באוווסטער
אין קבוצות אין אלע פון גליל;
האָט יעדן קיין יאקן געגלוסט זיך,
האָט יעדער פון יאקן געחלומט.

און איך, אויף מײַן וואַנדער אין גליל,
אין שפּאַנען פון קבוצה צו קבוצה, —
אויך איך האָב ניט איין מאָל געחלומט
פון יאַקן מיט אירע חלוצים.

איך האָב זיי מיט קנאה באַוווּנדערט:
אַזעלכענע ברייטע און הויכע;
מיט זיי וועט דאָס טייערע זונלאַנד
געווינען אַ סך אין די כּוחות...

זיי האָבן געררייצט מיך, געכישופט:
אַזעלכענע דרייסטע און בראַווע;
אויב ווערן אַ מענטש פונעם ישוב,
איז בלויז ווי אַ יאַקינער חבר.

און דאָס טאַקע האָט זיך געגלוסט מיר;
געצויגן מיך האָט אומגעהויער
אין יאַקינער גדוד אין באַוווּסטן —
צו אַרבעטן דאָ ווי אַ פּויער.

און אָט איז מיר מעגלאַך געוואָרן
מיט וואָר צו באַקליידן מײַן חלום;
אַ גדודניק אַן עולה ז׳געוואָרן,
פאַרלאָזט האָט דעם גדוד און דעם גליל. —

האָב איך אויף אַ זיצונג געבעטן
דעם גלילשן ועד הפּועל
מיך שיקן קיין יאַקן — פאַרבײַטן
דעם עולה, דעם ייִדישן פּויער.

און — מ׳האָט מיר מיין ביטע באַוויליקט.
און אָט זענען יאַקינער פעלדער.
און, פול מיט חלוצישן ווילן,
איך האָב צו דער אַרבעט געשטעלט זיך.

אין טאָג אין דעם ערשטן געאַרבעט
איך האָב אין דעם יאַקינער גאָרטן;
די לופט איז געווען צעהאַרבסטיקט,
דער באָדן — מיט בלעטער באַשאָטן.

געטריפט האָט אַ רעגן אַ דראָבנער,
געקילט מיין געבויגענעם נאַקן;
און איך האָב קאַרטאָפל געגראָבן,
אין זעק אין פאַרנעצטע געפאַקט זיי.

אַ שעה און אַ צווייטע, אַ דריטע.
מיין רוקן, די קני מיינע, — ווונדן.
פון רעגן איך שפּיר שוין אַ ציטער
אין אָבער אין יעדן באַזונדער.

און — ווייט נאָך עס איז ביזקל אָוונט.
איך מוז זיך אַלץ בויגן אינדרייען.
איך מוז זיך אַלץ בויגן און גראָבן
דעם פּריצ׳ס קאַרטאָפל דעם נייעם...

אין טאָג אין דעם צווייטן געזעגט האָב
אין האַלצקאַמער סוקיקע שטאַמען;
מיין לייב האָט מיט אַנגסטן באַדעקט זיך,
דאָס האַרץ האָט גזלניש געהאַמערט.

אַ ווייטיק אַ שאַרפער אין אַקסלען,
די דלאָניעס — זיי בראָטן, זיי בריען,
און קלעצער אַליץ וואַקסן און וואַקסן,
און — ווייט נאָך עס איז ביזקל שקיעה...

אין טאָג אין דעם דריטן ביים דרעשן
איך האָב זיך געפּלאָגט און געמאַטערט;
אַ שטויב האָט מיין פּנים „געגעסן",
מיין נאָז איז געווען שוין פאַרקאַטערט.

אין קאָפּ האָט גערוישט און געדראָשן.
אין האַלז האָט געטריקנט — אַ מדבר.
און בליי האָט אין גוף זיך געגאָסן.
און פּיין האָט געאַקערט די גלידער.

געקומען אין קבוצה אין אָוונט,
דער קערפּער דער שווערער — אין פיבער,
האָב איך זיך אין קישן פאַרגראָבן
און — ליגן אַזוי שוין געבליבן.

געלעגן אַזוי שוין מעת-לעתן,
מיט בליי אין דעם גוף אין דעם הייסן;
פון הענט פון חברים געגעסן;
געהערט, ווי אין טראַנס, זייער טרייסטן:

— דו מאַך ניט פון קראַנק-זיין קיין וועזן,
דו זיי ניט אַזוי נאַר צערודערט.
נישקשה, וועסט ווערן געגעזן!
נישקשה, וועסט ווערן אַ גדודניק!...

קיין גרודניק איך בין ניט געוואָרן,
געפעלט האָט דער יאַקינער כוח.
נאָר ס'דופטעט מיר נאָך אַלע יאָרן
פון קבוצה פון יענער דער ריח.

אַ ריח פון קרעפטיקע קליאָנען,
אַ ריח פון זאַפטיקע טאַנען,
אַ ריח, וואָס טוט מיר דערמאָנען,
אַז ערגעץ אַ זונלאַנד פאַראַן איז.

דער וואָגלער

טשיקאַווע חלוצים געווען
אין גליל פון ליטע, ביים באַלטיק.
איך האָב זיי פאַר קלאָרער פּאָעזיע
אין הארצן אין מיינעם באַהאַלטן.

און אָט איך דערציי׳ל דאָ פון איינעם.
זיין נאָמען איז נחום — אַ חלוץ
אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ שיינער, —
דער שענסטער אין ליטווישן גליל.

ס׳איז נחום אַ פּויער — אַ מוסטער.
קען פּויערשע אַלע מלאכות.
צו אַרבעטן אָבער קיין לוסט האָט.
צו פּראַצעווען פוילט ער זיך, נחום.

און לאַנג אין אַ קבוצה פאַרווײלן —
אויך דאָס איז אים, נחומען, שווערלאַך:
אים לאָקן די שליאַכישע מײלן,
די פליינען, די טאַלכלאַך, די בערגלאַך.

אַ וואַנדערער איז ער, אַ וואָגלער,
אַ פויגל, וואָס פאָכט מיט די פליגל;
ס׳געפעלט אים אין גרויע פאַרטאָגן
אין טונקעלע וועלדער צו ליגן.

צו הערן, ווי פייגל עס זינגען,
צו זעען, ווי שישקעס עס פאַלן;
ווי טויען אויף גראָזן עס פינקלען
מיט פרישע, פילפאַרביקע שטראַלן.

ס'געפעלט אים צו בלאָנקען אויף פעלדער,
פאַרפלייצטע מיט תבואה מיט רייפער;
אַ גלעט־טאָן אַ זאַנג אַ צעהעלטע,
אַ בלימל אַ בלויען אָפּרייסן.

ס'געפעלט אים שפּאַצירן ביים באַלטיק;
צו קוקן, ווי שוימיקע בוואַליעס
פאַר הענט פאַר די נאַסע זיך האַלטן
און — הוידען די ימישע מיילן...

איז זיצט ער אַוו אין אַ קבוצה
(ער טוט זיי, די קבוצות, אָפּט בייטן)
אַ וואָך אָפּ, אַ צווייטע און פּלוצים —
ניטאָ אים. אַוועק אין די ווייטן.

אַ שבת אום מאָנטיק געמאַכט זיך,
אַ יום־טוב אינמיטנדערינען;
ער שפּאַנט שוין אַוו אויף די שליאַכן,
אויף פרילינגשע לאָנקעס אויף גרינע — —

אַזאַ איז ער, נחום, געווען —
אַן אומרו, אַ ווינטישע טבע;
און איך, אויף די גאַלילשע וועגן, —
איך פּלעג אים, אין שפּאַנען, אָפּט טרעפן:

ער גייט זיך, אַ הויכער, אַ שלאַנקער;
דאָס פּנים — אַ לענגלאַכס, אַ טונקלס;
אַ שמייכל — אויף ציינער אויף בלאַנקע;
און אויגן — פול טרוימערשע פונקען...

מיר שטעלן זיך אָפּעט. — וווהין איז? —
איך פרעג אים, דעם חלוץ טשיקאַוון.
און — ס'נעמט זיך אַ שמועס פאַרשפּינען,
אַ שמועס פון חבר צו חבר — —

און איינמאָל, אין שפּאַנען אין גליל
(דורך פעלדער, צעבליטע מיט קאָרן),
דערציילט מיר האָט נחום דער חלוץ
זיין לעבנס־געשיכטע די גאַנצע.

...אַ יתום געוואַקסן איז נחום,
אין קאָוונע, ביי קרובים ביי ווייטע;
געהפקרט; אויף דעכער געקראָכן;
געקונדסט — אַ ווינט אַ פאַרשייטער.

אין חדר — געפוילט זיך צו לערנען.
צו אַרבעטן — אויכעט געפוילט זיך
(ביי שניידער, ביי שוסטער אויף לערע,
אויף לערע ביי בלעכער, ביי סטאָליערס...).

צו וואָגלען עס האָט אים געצויגן,
צו פליינען, צו טאָלן, צו וועגן;
צוביימער, די צווייגן וואָס בויגן
אין זומערשן שטורמישן רעגן...

צו טייכן, אינווייטן וואָס שטראָמען;
צו ווינטלאַך, וואָס צערטלען, ווי זיידנס
(די היימשטאָט, די גאַסן, די קראָמען, —
ער האָט ניט געקענט זיי פאַרליידן.

די הייזער, דער חדר, וואַרשטאַטן, —
ער האָט ניט געקענט זיי פאַרטראָגן;
אַ פויגל אין אים האָט געפלאַטערט,
אינלופטן כסדר געטראָגן...).

אַזוי איז געוועזן אין פרי נאָך.
ס'האָט נחום שוין דאַן אומגעוואַנדערט — — —
און יאָרן — זיי געלן און גרינען.
און יאָרן — זיי זענען געגאַנגען — —

אין וועלטקריג אין ערשטן אַ זעלנער
געוואָרן אין קאָוונע איז נחום.
אין גראָבנס געלעגן, אויף פעלדער;
פאַרטאָיעט, צום שונא געקראָכן...

מיט ביקס און מיט קוילן באַלאָדן,
אין אָנגריף אין הייסן געגאַנגען...
ביז ס'האָט אים ביים ניעמאַן, אין גראָדנע,
דער שונא — דער יעקע — געפאַנגען.

פאַרשיקט אים קיין דייטשלאַנד, אויף גיטער, —
צו אַרבעטן דאָרט, ווי אַ פּויער.
האָט נחום געאַקערט, געשניטן,
באַהעפט זיך מיט קי־שטאַל, מיט רויערד;

געוואָרן אַלץ בעסער, געניטער
אין פּויערשע אַלע מלאכות;
צו וואָס זיך גענומען — געבליט האָט,
צו וואָס זיך גענומען — געיכולט.

און ס'האָבן די יעקעס, די פּריצים,
פון „טיכטיקן קערל" גענחתט:
דער נחום — אַן אמתער פּריץ איז,
ווי נחום — ניטאָ גאָר קיין סך איז.

און איינער, אַ פּריץ אַ פעטער,
אַ שווערע, אַכטפּודיקע בריאה,
אַ שידוך דעם „יודע" גערעדט האָט:
ער גיט פאַר אַ ווייב זיין מאַרי אים.

ער דאַרף זיך, דער נחום, בלויז שמדן, —
איז ווערט ער דעם יעקעס אַן איידעם;
וועט קריגן אַ גוט נאָך אין נדן,
אַ נחלה — אַן עכטער גן־עדן.

נאָר נחום ניט קלערט פון קיין שידוך:
ס'איז טייער ביז גאָר אים די פרייהייט.
און חוץ דעם, איז נחום אַ ייד דאָך
און — דאַרף ניט קיין געטער קיין נייע...

האָט נחום, דער „טיכטיקער קערל״,
געבחורט, ווי ביז איצט, אויך ווייטער;
געוואַרט אַלץ, אַז פרידן זאָל ווערן —
כדי לאָזן ער זאָל זיך אינווייטן.

און ווי נאָר ס'איז פרידן געוואָרן,
איז נחום געוואָרן פאַרפאַלן.
געגאַנגען צופּוס און געפאָרן.
געגעבטיקט אויף סטויגן, אין שטאַלן.

געשלעפּט זיך מעת־לעתן און וואָכן. —
ביז ער איז קיין ליטע דערגאַנגען.
און דאָ האָט אינגיכן זיך נחום
דערזען פון „החלוץ״ געפאַנגען.

פון דאַן אָן איז נחום אַ חלוץ.
אין גליל געפינט זיך פון דאַן אָן.
און אַלע אים קענען אין גליל.
ווייל נחום — ער האַלט אַלץ אין שפּאַנען.

ער מעסט אַלץ די גלילשע פּליינען.
פון קבוצה צו קבוצה ער גייט אַלץ.
איז אָפּעט אַ וואָך נאָר אין איינער
און — הלך, אַוועק אין אַ צווייטע.

און טרוימען ער, נחום, טוט וועבן
אין גלילשן וואנדער אין זיינעם:
ווען עולה קיין „ארץ" ער וועט זיין,
א וואָגלער אויך דאָרטן וועט זיין ער.

ער וועט זיך פארלאָזן א באָרד דאָרט
(ווי משה רבינום — א לאנגע...);
וועט זיך מיט א שטעקן באזאָרגן
(ווי אהרון הכוהנם — א לאנגן...)

און — שפאנען אזוי־אָ ער וועט דאָרט:
באזוכן די דאָרטיקע גלילים,
דעם נגב, דעם עמק דעם פעטן,
די בערג און די טאָלן די שטילע.

באזוכן דעם מדבר דעם העלן,
די דרוזן, די אנדערע שבטים — —
עס וועלן מקומות ניט פעלן
פאר נחומס צעווינטלטן טראָט דאָרט...

נאָר פאָרן קיין „ארץ" אים שווער איז,
דעם וואנגלער, דעם „פוילישן" חלוץ:
ער קען אליין קיין עולה ניט ווערן:
ניט „מכשיר" עס איז אים דער גליל:

ס'דאַרף „ארץ" ניט האָבן קיין וואָגלער.
ס'דאַרף „ארץ" חלוצים — מתמידים:
זיי זאָלן מיט אויפטוען האָגלען,
דעם כוח דעם יידישן שמידן...

טאָ זאָל ער, דער בחור צעדרייטער,
אין גליל אין ליטווישן זיצן:
ווי אַלע חלוצים זיך גרייטן,
ווי אַלע חלוצים דאָ שוויצן...

און ווערן באַוווסטזיניק זאָל ער,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ייִדישן פּועל...
דאַן קען ער פאַרלאָזן דעם גלות
און — פאַרן קיין ארץ ישראל.

דער „זיידע"

ווער האָט ניט געקענט אים אין „גליל",
דעם חלוץ דעם עלטסטן, — דעם „זיידן" ?
ער קומט מיר היינט ווידער צו חלום
און — כ'וויל אים מיט פערזן באַקליידן.

אַ הויכער. דער רוקן — געבויגן.
דאָס פּנים — אַ לענגלאַכס, אין קאַרבן.
די בלויקייט פון הימל — אין אויגן.
און גלאַט איז — אַ טעלער — זיין שאַרבן.

געוועזן איז ער פריער אַ מעקלער,
גענישטערט אין פויערשע וואָגנס :
אַ קעזל, קאַרטאָפל אַ זעקל, —
מע דאַרף דאָך פאַרפולן דעם מאָגן...

געהאַנדלט ער האָט אויך מיט צעלניק,
פון דערפל צו דערפל געוואַנדערט,
אַ פוסגייער, אַ קאַראַבעלניק,
מיט שווערע וואַליזעס באַהאָנגען.

וואַליזעס מיט סחורה פאַרפולטע :
קראַוואַטן און בייטשלאַך קאַרעלן,
און שלייקעס, און נאָדלען, און ליולקעס, —
דאָס בעסטע, — ס'זאָל יעדן געפעלן.

און יאָרן עס זענען געשוווּמען
אין וואָגל אויף ליטווישע שליאַכן,
געהילטע אין זאַמדיקן אומעט,
מיט ווערבעס מיט קורצע באַוואַכטע.

ס'האָט פּייווע — אַזוי איז זיין נאָמען —
באַזוכט אַלץ די דערפער, די „הויפן";
צעעפנט פאַר יעדן זיין קראָם האָט,
געמיט זיך זיין סחורה פאַרקויפן.

ביז ס'האָט אים דערעסן דאָס אַלעס:
ער וויל מער ניט האַנדלען, ניט וואָגלען;
ער וויל דאָ ניט ווערן פאַרפאַלן,
כדי שטעלן צופרידן דעם מאָגן...

ער, פּייווע, — אַ בחור אַן אַלטער —
פאַרמאָגט אַ נשמה אַ יונגע,
און קיינמאָל איז שפּעט — אַזוי האַלט ער —
צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער...

און גייסטיק פונלאַנגשוין עס ציט אים
צו יוגנט צו יענער צו נייער,
וואָס חלומט אין שטעטלאַך פון ליטע
פון אייגענע ערדן פון פרייע.

ער קען זי פון היימישן שטעטל,
פון שטעטלשן „צווייג פון החלוץ";
און קיינמאָל — האַלט פּייווע — ניט שפּעט איז
צו פאָרן אויף אַרבעט אין „גליל" — — —

און אַט איז ער איצטער אין קבוצה —
אַ חלוץ, באַוואַקסן מיט יאָרן;
צעווישן חלוצים, חלוצות,
וואָס גרינען, ווי פּרילינגשער קאָרן . . .

ער קען זיי שוין זיין דאָ אַ טאַטע
און, אפשר, נאָך מערער — אַ זיידע.
און דאָס איז זיין נאָמען דאָ טאַטע,
און טאַקע מע רופט אים אַזוי דאָ:

דער „זיידע", דער „זיידע" פון קבוצה,
און ניט בלויז פון קבוצה — פון „גליל";
פון הונדערט און פופציק חלוצים
אין קבוצות אין אַלע פון „גליל".

און פייוועו דער נאָמען עס אַרט ניט:
איז וואָס, אַז ער איז דאָ אַ „זיידע"?
ער, פייוועו, אַ יונג איז אַ שטאַרקער
און אַרבעטן קען ער פאַר צוויי דאָ.

איז אַרבעט ער, פייוועו, — צוזאַמען
מיט אַלע חברים, חברות:
אין גאָרטן, אין פעלד אינעם גראַמען,
ביים זייען, ביים קלייבן די פּרות;

ביים שניידן דעם היי פונעם פּריץ,
ביים מעלקן דעם פּריצ׳ס בהמות,
ביים דרעשן דעם ווייץ און דעם קאָרן,
ביים האַקן און זעגן די ביימער.

און ליב איז אים, פייוועו, די פּראַצע
און טייער — דער פעלדישער דרויסן;
די קנאָספּן, אין פרילינג וואָס פּלאַצן,
די ווינטן, אין אָסיען וואָס רוישן.

דאָס זשומען פון גאָלדענע בינען,
דאָס שורשען פון בויגיקע זאַנגען;
פון קווייטן די דופטן די דינע,
פון פייגל די לופטיקע קלאַנגען.

נאָר טייער נאָך מערער און ליבער
איז פייוועו דער קבוצהשער עולם:
בחורים — אַזעלכענע ליבע,
בחורות — אַזעלכענע ווילע.

כסדר זיי האַלטן אין זינגען,
כסדר זיי האַלטן אין טאַנצן;
ער פילט זיך מיט זיי דאָ פיל יינגער —
אַ חלוץ פון אַכצן, פון צוואַנציק...

און אָפט, נאָך דער אַרבעט, אין קבוצה,
ווען, מיד שוין פון טענץ און פון לידער,
עס ווילן וואָס ניים די חלוצים, —
איז שפּילט ער פאַר זיי אויף זיין פידל.

ער האָט זי, די פידל, געבראַכט דאָ
פון היימישן שטעטל פון שטילן;
ער האָט צו נגינה אַ שוואַכקייט
און פידל אין שטעטל פלעגט שפּילן.

פאַר זיך, פאַר די שטעטל־באַקאַנטע, —
ניגונים, מעלאָדיעס, מאָטיוון;
אָן נאָטן . . . נאָר זייער באַטעמטע,
ווי וואַסער, וואָס קוועלט פון די טיפן.

ער האָט אויך די פידל גענומען
אין דאָרף, אויף זיין הענדלערשן וואַנדער, —
פאַרטריבן דעם דאָרפישן אומעט
מיט פריילאַכע פידל־געקלאַנגען.

איצט פידלט ער, פּיוּוּע, אין קבוצה,
און ס'הערן חלוצים מיט פרייד אים,
און דאַנקבאַר אים זענען חלוצים,
און — ליבער נאָך איז זיי דער „זיידע".

כיבוש

ווען איך בלעטער אין זכרון
מײַנע יאָרן אויף צוריק,
טוט אַ יאָר פֿון יענע יאָרן
העל אַ שטעל זיך אין מײַן בליק.

אתתנ"ו לגלותנו,
נײַנצן הונדערט צוואַנציק זעקס.
שטילע, חלומדיקע פּלײַנען,
רונד און רחבותדיק צעשטרעקט.

און אינמיטן — אַ מאַיאָנטעק
ליגט, אין פֿעטן גרונט פֿאַרזויגט;
בליקט צו אַלע האָריזאָנטן;
וואַרפֿט זיך יעדערן אין אויג.

כיבוש. אַ חלוציש ווינקל
אין דעם קלײנעם ליטע־לאַנד,
וווּ געשטאַנען איז מײַן וויגל,
וווּ מײַן יוגנט האָט געשפּאַנט.

ס'איז דער ווינקל גוט באַקאַנט מיר
פֿון אָט יענעם העלן יאָר
און פֿונוויַיט, פֿון היגע קאַנטן,
כ'זע אים בולט, זע אים קלאָר.

ביים אריינגאנג שטייט דער מויער,
ווו דער קאָלעקטיוו עס הויזט,
ווו די לופט איז פול מיט פויער,
ווו מיט פעסטער חברה ברויזט.

הינטער אים — א שטאל א ברייטע
פאַר די קי און פאַר די פערד;
און א הינער־שטעלכל שטייט דאָ,
ווו א קוואָקטשעריי זיך הערט.

אָנאזייט — א לאנגע שאָפּע,
פול מיט דופטנדיקן היי;
און א שייער איר צוקאָפּנס
יוסט און באַלעבאַטיש שטייט.

הינטער זיי זיך שפּרייט א גאָרטן:
דינע ביימלאך, ערשט פארפלאַנצט;
גרינסן אַלערלייע סאָרטן;
און די ערד — אין שווארצן גלאַנץ.

נאָכדעם קומען גראַמע שטחים,
אָנגעזעטיקטע מיט הנאָה,
היים מיט זון אדורכגעשטאָכן,
דורכגעזאַפּט מיט קילן טוי.

קאָרן־פעלדער, האָבער־פעלדער,
און פאַר גערשטן, און פאַר ווייץ;
זאנגען גרינע, זאנגען געלבע —
ביזן הימל־זוים צעפלייצט.

אַט אויף די־אָ שטילע פּליינען
האָט געטראָטן אָפּט מיין פוס,
און די לופט די פעלדיש ריינע
איינגעאָטעמט האָט מיין ברוסט.

כ'האָב געצויגן זיך אַהערצו
פון דער שטאָט און פון איר שטיין,
פון די האַרטע מענטשן־הערצער,
פון מיין אייגענעם געוויין.

דאָ האָט אָפּגעפרישט מיין גוף זיך,
דאָ האָט אָפּגערוט מיין זעל;
דאָ האָב איך דערהערט אַ רופן
פון אַ שפּאָגל־נייער וועלט.

פון אַ וועלט, וואָס שאַפט אינאיינעם
און ווו אַרבעט איז אַ פרייד;
כ'האָב צו דער־אָ וועלט דער שיינער
אויך מיין חלק צוגעלייגט.

גוט געווען איז מיטן קיבוץ
אויפשטיין מיטן טאָג צוגלייך,
ווען דער מזרח איז צעפיבערט
און די ערד — מיט טוי באַפייכט.

און זיך נעמען הייטער, מונטער
צו אַ לאַנגן פראַצע־טאָג.
וויפל אַרבעטן געזונטע
האָבן הענט מיינע צעטאָן!

כ׳האָב געשעפּט מיט שמואלקען וואַסער,
כ׳האָב מיט הירשקען האָלץ געהאַקט,
כ׳האָב מיט שרהקען גרעט געוואַשן,
כ׳האָב מיט ביילקען ברויט געבאַקט.

און געאַקערט האָב מיט מאָטקען
אויפן טראַקטאָר שטיקער פעלד;
און געהאָלפן האָב איך נאָטען
אָנטרינקען די קי און פערד.

אין אַ זומער־טאָג אַ הייסן
האָב געלאָדן וואָגנס היי;
זים געווען איז דער שוויס מיר;
יעדער וואָגן האָט געפרייט.

אין אַ מילדן טאָג אין אָסיען
האָב אין שייער זיך געמיט:
תבואה גילדערנע געדראָשן
מיט אַ זוניקן געמיט.

יעדער טאָג פאַרמאָגט זיין מי האָט:
פעלד און גאָרטן, שטאַל און סיד;
פון באַגינען און ביז שקיעה
האָט מיין האַנט געטאָן איר פליכט.

און אין אָוונט, נאָך דער פּראַצע,
אין דעם קאָלעקטיוון הויז,
האָט אַ פרייד אין יונגן האַרצן
זיך געהוידעט און געברויזט.

ס'איז דער מויער הער באַלויכטן,
ענג באַזעצט עס איז דער טיש,
עולם אַבלט, אַזש אַ רויך גייט,
און אַ ליד פון מיילער פליסט:

„אנו נהיה הראשונים,
כך אמרנו אָח אל אָח,
אָנו נהיה בין הבונים,
נט המיתר, נט אנך" — — — —

ווען איך בלעטער אין זכרון
מיינע יאָרן אויף צוריק,
טוט אַ יאָר פון יענע יאָרן
הער אַ שטעל זיך אין מיין בליק.

אתתנ"ו לגלותנו,
ניינצן הונדערט צוואַנציק זעקס,
אויף די שטילע כיבוש־פליינען,
רונד און רחבותדיק צעשטרעקט.

מאַטקע „טראַקטאָר" אַקערט די כיבושער ערד

אַסיען אויף כיבושער ערד.
טוייק און לופּטיק און לויטער.
קליאָנען — מיט גילדערנע בערד.
דעמבעס — מיט קודלעס מיט רויטע.

לייזיק — די פעלדער אַרום
(שייער און שאָפּע — געפּאַקטע). —
מיט אַ מעטאַלענעם ברום
טראָגט זיך דער כיבושער טראַקטאָר.

מאַטקע דער חלוץ אים פירט.
אַקערט די ערדן פון כיבוש.
רייסט זיי מיט יעטווידן ריר.
שניידט זיי אין פּאַסן, אין גליבעס.

מאַטקע דעם טראַקטאָר האָט האָלד.
תמיד פון טראַקטאָר ער „האַקט" נאָר.
רימט אים פאַר יעדן מיט שטאָלץ. —
רופט מען אין כיבוש אים — „טראַקטאָר".

פריער, צוריק מיט אַ יאָר,
מאַטקע געווען איז אַ שמייסער;
„אָדלערס" געטריבן אַ פּאָר,
גרויע, אין פלעקן אין ווייסע.

סוסים, געשפּאַנט צו אַ פור,
פערדלאַך, וואָס פירן פאַרשווינען
איבער אַ טראַקט, ווי אַ שנור,
צווישן פאַרחלומטע פליינען.

(פליינען פון ליטווישן לאַנד,
שטילע, מיט אומעט צעבליטע;
פלאַכע ביז הימלשן ראַנד, —
פליינען פון טונקעלער ליטע). —

ציט זיך אינוויינטן דער טראַקט,
ביימער — פון זייטן פוןביידע;
שלעפּט זיך דאָס פורל — געפּאַקט,
מאַטקע — אויף קאָזלעס זיך הוידעט.

פאָרט מען אַ דערפל אַדורך,
שמעקן מיט בלינעס די כאַטעס;
און אויף דער פולינקער פור
בילן דאָ כלבים קודלאַטע.

קומט צו אַ קרעטשמע פאַרקלערט,
עלנט אין פעלדישן דרויסן, —
וואַרט דאָ אַ טרונק אויף די פערד,
וואַרט דאָ אויף מאַטקען אַ כוסה...

גייען די וואָכן אַזוי,
שווימען חדשים און יאָרן;
זומער — אין גראָזן, אין טוי,
ווינטער — אין שנייען אין קלאָרע.

מאַטקע, די פערד אַליין ער טרייבט
(קיינמאָל צום באַן ניט פאַרשפּעטיקט)
צו דעם וואַקזאַלכל אינגווייט
פון דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל.

צוויי מאָל איעטווידן טאָג.
פון דעם צעהויקערטן ישוב
צו דעם וואַקזאַלכל אין טאָל —
ראַק זיך געוויגט און געשמיסן. —

וואָלט ער אַזוי זיך געוויגט
וויפל אים לעבן באַשערט איז
(פרילינג — דורך ליכטיקן צוויט,
אָסיען — דורך נאַקעטע ערדן). —

איז אָבער מאַטקען באַשערט
ווערן אַ יידישער פּויער,
פאָרן אין כיבוש, אויף ערד,
נאָכדעם — אַ היימלאַנד צו בויען...

האָט מען אים, מאַטקען, פאַרשלעפּט
(היימישע, שטעטלשע יאַטן)
אין אַ לאָקאַל, וווּ ביז שפּעט
פירן זיך הייסע דעבאַטן:

„ארץ" און קבוצה און מי,
חיות פון אייגענע גרונטן;
תבואה און גרינסן און פי,
גאַנצענע יידן, געזונטע...

איז אין לאָקאַל אים צוערשט
גודנע אביסל געווען:
זיץ און דעבאַטן דאָ הער,
לערן זיך שרייבן און לעזן...

ס'ציט אים צוריק צום וואָקזאַל,
ס'ציט צו די קאָזלעס צוריק אים:
וויגסט זיך... דאָס בייטשל, עס קנאַלט...
וויאָרסטן פאַרטרוימטע זיך וויקלען...

אָט איז דאָס דערפל דאָס קליינס,
אָט איז די קרעטשמע פאַרטראַכטע;
ס'איז אים דאָ נאָנט יעדער פליין,
יעדע בעריאָזע ביים טראַקט דאָ — —

האָט זיך געבענקט אים צוערשט,
האָט ער צוערשט זיך גענודיעט.
נאָכדעם האָט ער זיך באַהערשט.
נאָכדעם ז'געוואָרן אים גוט דאָ:

פריילאך איז אָפט אין לאָקאַל:
עולם, מיט אויפברויז ער ווייעט;
מיילער — מיט לידער צעשאַלט,
לייבער אין הויראָס זיך דרייען.

מאָטקע — אויך ער איז אין קראַנץ,
טופעט מיט שטיוול מיט שווערע;
אויגן — עקסטאַטיש צעגלאַנצט,
שטערן מיט שווייס איז באַפּערלט — —

ביזקל געבראַכט אים די באַן
האָט אויף חלוציש באָדן. —
פּרילינג געוועזן איז דאַן.
אַלץ האָט אין גרינס זיך געבאָדן.

ביימער עס האָבן געבליט.
פֿייגל עס האָבן געזונגען. —
מאָטקע האָט אַלעם באַבליקט
און, ווי אַ קינד, זיך געוווּנדערט:

דאַכט זיך, די זעלביקע ערד,
דאַכט זיך, דער הימל דער זעלבער,
דאָך איז דאָ, וווּ נאָר אַ קער,
אַנדערש — צעגרינטער, צעהעלטער...

אָט איז אַ שייער, אַ שטאַל,
אָט איז דער כיבושער מויער, —
ס'קוואַליקט מיט חלוץ פֿון אַלץ,
ס'אָטעמט מיט זאַפּטיקער רויערד...

אָט איז אַ גאָרטן, אַ סאָד,
אָט זענען פֿעלדער פֿון כיבוש, —
וווּ נאָר דו שטעלסט דאָ אַ טראָט,
זוניק און פֿריידיק און ליב איז...

בטלען אַזוי אָבער לאַנג
איצטער אין כיבוש — פֿאַרווערט איז:
אַרבעט אַ וועלט איז פֿאַראַן:
אַקערן, זייען די ערדן — — —

האָט מען געטאָן אים אַ נעם
און צו אַ טראַקטאָר געבראַכט אים:
זעץ זיך צום רעדל און — קעם,
קעם זי, די פעלדישע רחבות!

שמיים, ווי אַ פריער, די פערד,
רייס אויף די ערדן פון כיבוש,
שנייד זיי, ווי סחורה — אַ שער,
וואַרף זיי אין פּאַסן, אין גליבעס!

האָט ער זיך תחילת געוועדט:
קען ער אַ טראַקטאָר דען שמייסן?
ס'איז דאָך קיין לעבעדיק פערד!
ס'איז דאָך אַ חיה פון אייזן!...

ס'איז דאָך אַ בריה פון שטאָל!
וועט ער דען קענען אים פירן?
מ'דאַרף דאָ פאַרשטיין מיט אַ טאָלק!
מ'דאַרף דאָ „סמעקאַלקע", געהירן!...

האָט מען אים אַלעם דערקלערט:
ס'איז ניט די תורה קיין שווערע.
איין מאָל, אַ צווייטן, — ביז ער
וועט ווי געהעריק שוין שערן.

האָט ער זיך, מאַטקע, געמיט,
גרינטלאַך דעם טראַקטאָר שטודירט האָט,
אויסגעפאָרשט יעדן זיין גליד,
איין מאָל, אַ צווייטן געפירט אים.

זענען אזוי זיך אוועק
וואָכן פון פרילינג פון גרינעם;
מאָטקע, ער גייט אויף א וועג,
כאַפּט שוין פון טראַקטאָר דעם זינען.

זענען פאַרשווומען אווו
זומער־חדשים צעהעלטע;
מאָטקע האָט מער שוין געוווסט
און פון זיין טראַקטאָר געקוועלט האָט.

האָט ער אזוי אַלץ געשוויצט.
האָט אַלץ זיין וויסן פאַרבעסערט.
ביז ער געוואָרן איז איצט,
מאָטקע, — א גאַנצער פּראָפעסאָר.

איצט איז שוין אַלעם אים קלאָר,
קלאָר ביז דעם פּיצינקסטן שרייפל;
איצטער ביז מינדעסטן האָר
טוט ער דעם טראַקטאָר באַגרייפן.

און ער איז שטאָלץ אזוי איצט,
רימט אים, דעם טראַקטאָר, כסדר;
און פאַר איעדן מיט היץ
דעקט אויף פון טראַקטאָר די סודות:

ס'איז דאָך א פּשוטע זאַך,
ס'איז דאָך דער ענין גאָר פּשוט,
מ'דאַרף ניט פאַרשטיין דאָ קיין סך,
ס'איז דאָ לחלוטין ניט קשה:

גיב ווי געהעריק אים נאַפט,
וואסער א טרונק־טאָן דו גיב אים, —
רייסט ער די גרונטן מיט קראַפט,
שניידט זיי אין פּאַסן, אין גליבעס!...

זיצט ער זיך, מאַטקע, אצינד
ברייטלאַך צעלייגט אויפן טראַקטאָר,
רעדלט און קירעווועט פלינק,
שמייסט, ווי אַמאָל, אויפן טראַקט דאָרט:

טראָג זיך, מיין שטאָלענער פערד!
קעם זיי, די פעלדער, צעאַקער!
שנייד זי, ווי לעקאַך, די ערד!
בייס זי, ווי טאָרט ווי געשמאַקן!

גוט איז צו זיצן אזוי,
האַלטן דאָס רעדל און — טרייבן:
דופּטיק, אין לויטערן טוי,
עפנט די ערד דיר איר לייב אויף.

ווייזט דיר איר זאַפטיקע טראַכט,
צייגט דיר איר פּרוכטיקן אינהאַלט;
און אויף איר ערדישער שפּראַך
רעדט צו דיין זעל און דיין זינען:

איך בין דער בעסטער פּאַרמאַג,
איך בין פון לעבן די ברכה;
צונזער עס האָט שוין געזאָגט:
ס'מזל — עס ליגט אין דער סאָכע...

גראָב זיך דעריבער אין מיר,
מאַטסקע, פאַרגלויבט, ווי אַ חלוץ,
ווּעסטו — כ'פאַרזיכער דאָס דיר —
פּטור דאַן ווערן פון גלות!...

שלמהקע „ציגיינער" פאַשעט די כיבושער טשערעדע

א פרילינג־פרימאָרגן אויף פעלדער
פון כיבוש — דעם קיבוץ אין ליטע.
די הימלען — צעבלויטע, צעהעלטע,
די ערדן — צעגרינטע, צעבליטע.

אויףביימער עס דופטיקן בלעטער,
מיט טויען מיט קלאָרע באוואשן;
אין „עמק", אין גראָזן אין פעטע,
די סטאַדע פון כיבוש זיך פאַשעט.

א צייגל א געלע באוואכט זי —
ס'איז נעטי, א חיה א ליבע;
דאנעבן — א יאט א פארטראכטער, —
ס'איז שלמהקע, דער פאסטעך פון כיבוש.

א קורצער, א ברייטער, א שווארצער
(מע רופט אים אין כיבוש „ציגיינער");
זיין זינגען איז ליריש און הארציק,
זיין טאנצן — צו זען עס א תענוג.

ער האָט זיך אפריער פארנומען
מיט שפילן אין שטעטלאך טעאטער :
שולמית, בר־כוכבא, קאָלדוניא, —
אין ראָלן אין הויכע געפלאָטערט...

ער איז אויך אַ חזן געווען,
געדאַוונט שבתים ביים עמוד;
דערפרייט מיט זיין שטים יעדנס וועזן,
דערהויבן איעדנס נשמה...

ער האָט אויך געלערנט מיט קינדער,
אין דערפער אין ווייטע, אין העקן,
אין קרעטשמעס, ביי קרעטשמער־געזינדן,
וואָס טוען אין ווילדקייט נאָך שטעקן...

נאָר ס'האָט ניט צופרידן געשטעלט אים,
עס טויג ניט, ס'איז „לא זו הדרך";
אים, שלמהקען, דאָס אַלעס געפעלט ניט,
ער, שלמהקע, — ער וויל עפּעס מערער...

און שלמהקע פאַרלאָזט האָט די בינע,
דעם עמוד, די ווייטע „קאָנדיציעס";
(דעם ריכטיקן וועג צו געפינען
געוואָרן עס איז זיין אַמביציע).

און אָט איז ער איצטער אין כיבוש.
דאָ האָט ער געפונען זיין תיקון.
אַ חלוץ צו זיין דאָ אים ליב איז,
אַ פאַסטעך צו זיין — אַ דערקוויקונג.

אָט זיצט ער זיך, שלמהקע, אין טאָל דאָ,
מיט נעטי'ן, דעם טשערעדע־היטער,
מיט זונליכט מיט בלאַנקן באַגאָלדיקט,
באַרינגלט מיט פעלדער צעבליטע

און — האָט פונעם לעבן הנאה:
אַ לעבן, וואָס איז אים צום האַרצן,
אַ לעבן, וואָס פינקלט מיט טויען,
אַ לעבן, וואָס אָטעמט מיט שוואַרצערד.

סע שפּרייטן אַרום זיך די ערדן
אין אַלערליי תבואות צעקעסטלט,
מיט זאַנגען מיט גרינע באַבערדלט,
מיט קאָרן, מיט האָבער, מיט גערשטן.

און ווינטלאַך סע וויגן זיך אומעט
אויף שלאַנקע, געוויקסיקע זאַנגען.
און גאָלדענע בינען סע זשומען,
און ס'זילבערן פייגלשע קלאַנגען...

און דאָ, אינעם טאָל, אינעם „עמק", —
אַ גראָזיקע פרישקייט אַזאַ מין;
און כיבושער אַלע בהמות,
זיי פּאַשן זיך אַלע צוזאַמען.

די פערד, די באַהאָרנטע רינדער,
די וואָלענע שעפּסן די שטילע, —
זיי זענען דאָ אַלע אַצינדער
פאַרטאָן אין אַ גראָזיקער תפילה...

ער ליבט זיי, די צינגער די שטומע:
די פערד מיט די בויגיקע העלזער,
די קי מיט די אויגן די פרומע,
די צאַרטע, די קינדישע קעלבלאַך.

ער קען זיי איעדן באזונדער,
איעדנס באזונדערע טבע;
(אין יעדן פון זיי זעט ער וונדער,
גאָט׳ס וונדער, דעם נס פון דער טבע...).

אָט פּאַשעט אַ פערד זיך אַ ווייסער,
זיין נאָמען איז „טוביה החולב״;
אַ פערד, וואָס מע דאַרף אים ניט שמייסן,
אַ פערד אַ געהאָרכזאַמער, ווילער.

ער שטייט זיך געבויגן צום באָדן
און טרייבט מיטן וויידל די פליגן,
און קוויקט זיך מיט גראָז, ווי מיט פלאָדן,
און — איז מיט זיין מזל צופרידן.

און אָט איז אַ צווייטער — „בורגני״,
אַ ברוינער, דינפּיסיקער אָגער,
אַ פוילער, ער וויל ניט אין שפּאַן גיין,
און האַלט זיך, ווי ס׳האַלט זיך אַ נגיד.

ער צופּט זיך די גרעזלאַך געלאַסן
און פאָכט מיטן וויידל פּאַמעלאַך,
און קוקט ניט לגמרי צום פּאַסטעך,
און זעט ניט דאָס צייגל דאָס געלע.

און אָט איז אַ קו אויף דער פּאַשע,
אַ שיינע, מיט הערנער געטאָקטע,
איר פעל איז אין פלעקן און פּאַסן,
און אויגן און גוטע פאַרמאָגט זי.

איר נאָמען איז „ברוכה". איר אייטער
אַ פולער, אַ שווערער איז תמיד;
פאַר נישטיקן גראָז, וואָס זי קייט דאָ,
זי גיט אָפּ מיט מילך גאַנצע שטראָמען.

און אָט איז אַ קו — „מוסאָליני",
אַ שוואַרצע, אַ דיקע, אַ שלעכטע;
איר מאָרדע איז תמיד פאַרפינצעט,
דאָס שעפל ביים מעלקן צעברעכט זי.

אין סטאַדע אַ „פירערין" איז זי,
גייט שטענדיק אויף פּאַשע די ערשטע,
מיט הערנער מיט שאַרפע, ווי שפּיזן,
מיט בליקן, מיט טריט פון אַ הערשער.

און אָט איז אַ בוהאַי — „דער גולם", —
אַ ריזיקע, פליישיקע קופּע;
זיין קאַרק איז באַוואַקסן מיט חלב,
זיין שטערן — אַ האַרטער, ווי קופער.

אין נאָזלעכער זיינע סע שטעקט אָפּט
אַ רינג מיט אַ שטעקן פון אייזן;
מע האַלט אים אין צוים דורכן שטעקן,
ער זאָל ניט זיין ווילדקייט באַווייזן.

און שעפּסן אָט זענען, און לעמער,
פאַרטאָגנענע אין דער אכילה, —
ס'האָט יעדער פון זיי זיין באַנעמונג,
ס'האָט יעדער פון זיי זיין רגילות.

און שלמהקע באטראכט זיי דאָ אַלע
מיט בליקן, צעקוועלטע מיט ליבע;
ווי טייער זיי זענען אים אַלע,
די צינגער די שטומע פון כיבוש!

ער וואָלט זיי קיין „ארץ" געגומען,
מיט זיך, אין אַ דאָרטיקער קבוצה;
די דאָזיקע צינגער די שטומע,
זיי זענען דאָך אויכעט חלוצים! . . .

און שלמהקע פון איינפאַל צעלאַכט זיך,
אַזש נעטי, דאָס ציגל, שפּרינגט אויפעט,
מיט אויגלאַך און אויערלאַך וואַכע,
אַ גרייטע צו יאָגן, צו לויפן.

און שלמהקע פון שמחה צעזינגט זיך:
אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך,
געפּאַשעט אי סוסים, אי רינדער,
אי לעמער, אי שעפּסן געפּאַשעט . . .

אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך,
אַ פּאַסטעך פאַראַן איז אויך איצטער,
דער פּאַסטעך — דער כיבושער פּאַסטעך —
אָט איז ער, אין „עמק" אָט זיצט ער.

ער זיצט דאָ מיט נעטין, דעם ציגל,
און פּאַשעט די סטאַדע פון כיבוש;
און פרילינג־פרימאָרגן טוט שטייגן
און — פליסט אַלע ראַנדן אריבער.

עולים

ווינטער־אָוונט. בלוי און קאַלט.
גרינע שטערן. ווייסע שנייען.
גייען עולים צום וואָקזאַל,
דורך די קאָוונער גאַסן גייען.

פלאַקערט קרירה, ברענט און בראָט,
הענט און פּנים בראָט זי, בריט זי.
סקריפּען שנייען אונטער טראָט.
איילן מענטשן מיט אַ ציטער.

נאָר די עולים וואַרים איז
(ס'וואַרימען זיי טרוימען העלע). —
הויבן מונטער זיך די פיס,
אויף די שנייען שטייף זיך שטעלן.

שפּאַנען עולים. יונג צעבליט.
גלילניקעס. ביבושניקעס.
ניגונט ווינטער אונטער טריט.
זמרט זומער אין די בליקן.

שפּאַנט דאָ נחום, הויך און שלאַנק,
מיט אַ קאַסטן מיט אַ שווערן
און ער זעט זיך אין געדאַנק
שפּאַנען דאָרטן שוין — אין „ארץ"...

שפּאַנט דאָ שלמה׳קע, קורץ און ברייט,
שוואַרצער שלמהקע, כיבוש־פּאַסטעך, —
ברויזיקט אין זיין הארצן פרייד:
וועט אויך „דאָרטן" רינדער פּאַשען...

שפּאַנט דאָ מאָטקע טראַקטאָריסט
מיט אַ רוקזאַק אַ געפּאַקטן —
טרוימט ער: אַך, ווי גוט עס איז
זיצן „דאָרטן" אויף אַ טראַקטאָר...

גייט דער „זיידע", אין די הענט —
צוויי וואַליזעס פולע, גראָבע, —
וויל ער „דאָרטן" זיך שוין זען —
תבואה שניידן, בולבעס גראָבן...

גייט ציפּורה מעלקערין
אין אַ נייעם לעדער־רעקל —
טראַכט זי: קומט זי אָן „אהין",
נעמט זי תיכף זיך צום מעלקן...

גייט דניאל דער פּאָעט,
צו די עולים רעדט באַגייסטערט:
דאָ איז איצטער שניי צעבעט,
דאָ איז איצטער קעלט און ווייסקייט;

„דאָרטן" אָבער העלט די זון
און אַ חמימה איז אַ גרויסע,
און צעגראָזיקט איז דער גרונט,
און צעדופטעט איז דער דרויסן...

גייען עולים. ריי נאָך ריי.
פעסטע מוידן. שטאַרקע יונגען.
ליטע־שטעטלאַך שיקן זיי —
נייע בויער פאַרן זונלאַנד.

ליטע־שטעטלאַך . . . בירזש און טעלזש.
פּרען און זאַסלע און גודלעווע.
שקוד און קעלם און אבעל.
מערעץ, זשאַגער, קראַקינאָווע — —

ליטע־שטעטלאַך . . . גרויע וואָר.
שטיבלאַך אַלטע. געסלאַך שמאָלע.
טאַטע־מאַמע זיצן דאָרט —
ריכטן אָפּעט וויסטן גלות.

נאָר די קינדער ווילן ניט
בלייבן אינעם גלות גרויען —
שטעלן זיי דאָ פעסטע טריט,
צום וואָקזאַל דאָ מונטער גייען.

קומט מען אָנעט — איז וואָקזאַל
העל באַלויכטן, בלאַנק צעפּינקלט;
טראָגט אין אים זיך אַ געוואַלד;
איז ער פול שוין ווו אַ ווינקל.

איז אויך פול שוין דער פּעראָן,
פול מיט עולים און באַגלייטער;
און עס קומען נייע אָן;
און דער צוג שוין וואַרט אַ גרייטער.

לאָזן עולים זיך אַוועק
לעבן צוג דאָ אין אַ הוירא.
טאַנצט דניאל דער פּאָעט.
טאַנצט די מעלקערין ציפּורה.

טאַנצט דער „זיידע". נחום טאַנצט.
שלמה'קע, מאַטקע, עולים אַלע.
ווערט אַלץ ברייטער הוירא־קראַנץ.
טוט געזאַנג אַלץ העכער שאַלן.

ווערט אַלץ גרעסער הוירא־ראָד.
טאַנצן עולים און באַגלייטער.
דרייט זיך, טראָגט זיך קאַראַהאָד.
און דער צוג שוין פאָרן גרייט איז.

טוט דער צוג אַ שאַרפן פייף.
לאָזט מען זיך צו די וואַגאָנעס.
יונגען — אייזן, מוידן — שטייף.
אָנגערויטלט — יעדנס פּנים.

זעגנט מען זיך דאָ צולעצט.
הענט און אָרעמס שטרעקן אויס זיך.
טוט דער צוג מיט רויך אַ זעץ
אינעם הויכן בלויען דרויסן...

כאַפּט אַריין נאָך ווער אַ קוש.
טוט אַ טיכל נאָך אַ פלאַטער.
— גיט פון אונז „דאָרט" אָפּ אַ גרוס!...
— זייט וואָס גיכער עולה, יאַטן!...

רייסט דער צוג זיך אָפּ פון אָרט,
פּאָרט אָפּ לאַנגזאַם מיט די עולים
און — אַלץ שנעלער זיך צעפּאָרט,
און — אינוויַיטן ווערט פּאַרהוילן.

אינהאלט

I

זייט

קאָוונע 7
סלאָבאָדקע 14
דער ניעמאַן 23
אַ חלום 35
אַ בינטל בילדער 42
די בריוו דיינע, ברודער 47
אויך דו, מיין ברודער 52
היים פּאַרוויסטע 58
צו ליטע 80
ליטע מיין היימלאַנד 89

II

מיטן חבר אברהם איבערן „ליטווישן גליל" 97
דער בית חלוץ 103
חביבה 109
דער יאַקינער גדוד 115
דער וואָגלער 122
דער „זיידע" 130
כיבוש 135
מאָטקע „טראַקטאָר" אַקערט די כיבושער ערד 140
שלמהקע „ציגיינער" פּאַשעט די כיבושער טשערעדע 149
עולים 155

געדרוקט אין ארטיסטיק פרינט שאפ, מאָנטרעאל
42

א יישר כוח די פֿאָלגנדיקע פריינט וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך:

ס. סילווער, י. ראָזנפעלד, א. ליוועראַנט, ב. נאַטורמאַן, ש. קאָך, רבקה עטינגער, עטל בירבריער, מ. מענדלסאָן, ה. שילער, יהודה הירש, ל. און פרוי ראָסקיעס, הערשל קאהן, ה. מאַלטינסקי, קאַרל בער, י. טאָרטשין, ה. זאלקינד, מילקע בלאַנק, יצחק גאָלד און די חברות פון דעם אוטרעמאָנטער לייען־קרייז.

ד ע ר מ ח ב ר.

ווערק פון נ. י. גאָטליב:

בּלויע גנאָד (לידער)
גאָנג (לידער)
זעגלען אין זון (לידער)
איבּערבּוי (נאָוועלע)
נייע לידער
סאָוועטישע שרייבּער (עסייען)
ליטע מיין היימלאַנד (לידער)